STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07378

HINA

Jacob Dineson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. דינעזאהן.

חינא

(ראם לאנד)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

חינא.

(דאָס לאַנד).

אָבגעריסען פֿון דער גאַנצער איבריגער וועלט דורך דעם גרויסען יַם פֿון איין זייט, אַרומגעצוימט אונ פֿערשטעלט פֿון הייכֿע בערג, שטעפּען אונ וויסטען פֿון אַללע אַנדערע זייטען, ליעגט אין ווייטען מזרח־זייט פֿון אַזיען דאָס גרויסע, ברייטע לאַנד חינאַ.

אונ טאַקי צו ליעב דעם, וואָס דאָס לאַנד איז אַזוי פֿערשטעלט אונ אָבגעזונדערט פֿון אַללע אַנדערע לאֶנדער, איז דאָס פֿאָלק, וואָס לעבט אין איהם ווי בעד האַלטען געבליבען פֿון אַללע איבערקעהרעניסן אונ געשיכֿטליכֿע שטורמווינדטען, וואָס האָבען שוין אין דער מענשליכֿער לאַנגער געשיכֿטע אַזוי פֿיעל לאֶנדער צושטערט אונ אַזוי פֿיעל פֿאֶלקער צו זייעט אונ צושפּרייט אויף דער ערד.

נור ניט זיינע בעשיצענדע גרעניצען אַלליין האָט דאָס חינעזיש פֿאָלק צו פֿערדאַנקען, וואָס עס האָט זיך פֿון אוראַלטע צייטען ביז איצט געקאָנט דערהאַלטען, אָבער אויך זיין לאַנד זעלבסט, וואָס האָט אין אַללע צייטען געקאָנט אויסהאַלטען אַזאַ גרויס פֿאָלק מיט אַללע זיינע בעדירפֿניסע, עס זאָל זעלטען ווען געצוואונגען זיין די אייגענע היים צו פֿערלאָזען אונ געהען זיך זוכֿען ברויט אונ לעבענס מיטעל אין אַנדערע לאֶנדער, ווי עס זיינען אַזוי אָפֿט דערצו געצוואונגען געווען אַנדערע פֿאֶלקער אונ האָבען מיט דער צייט די וועג צוריק אַהיים פֿערלאָרען.

דאָס חינעזיש פֿאָלק האָט עס ניט געברויכֿט קיינמאָל, זיין לאַנד איז אַזוי ברייט אונ גרויס, אַזוי פֿערשידען זיינען די קלימאַטען אונ געגענדען אין איהם, אַזוי רייך בעשאָנקען פֿון דער נאַטור מיט אַללע מאֶגליכֿע אַרטען געטריידע אונ פֿרוכֿטען, דערצו אַזוי פֿאָל אונ רייך איז זיין ערד מיט אַללערליי מעטאַלען אונ מינעראַלען, אַז עס האָט איהם קיינמאָל גאָר נישט געפֿעהלט אין אייגענעם לאַנד, אונ צו וואָס האָט ער געזאָלט געהען זוכֿען אין דער פֿרעמד דאָס, וואָס ער געפֿינט אַזוי גערינג ביי זיך אין זיין היים.

זעלבסט אין יענע צייטען, ווען דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿיעל פֿערמעהרט אונ ווען מילליאָנען האָנד האָבען שוין פֿון זיינע פּראָדוקטען אונ מעטאַללען אַללער אַרט

וואַרע אויסגעאַרבייט, האָט נאָך דאָס חינעזיש פֿאָלק פֿון דער נויטה ניט געוואוכט צו זוכען זיך נייע מאַרק אונ פֿרעמדע פֿאָלקער, וואו אונ וועמען זיינע וואַארע צו פֿער־קויפֿען.

זיין אייגען לאַנד איז אַזוי פֿערשיעדען מיט זיינע פּראָדוקטען אונ געראַטהענ־קייט, אַזוי פֿיעל טייכען אונ קאַנאַלען האָט עס, וועלכע מאַכען גרינג דאָס איבער־פֿיהרען מענשען אונ משׂא פֿון איין פּראָווינץ צו דער אַנדערער, וואו מען קאָן קוי־פֿען אונ פֿערקויפֿען, טוישען אונ האַנדלען אללע גאַנגבאַרע סחורות אין אייגענעם לאַנד מיט אייגענע ברידער, אונ וועמען איז אַנויט אין אונזיכערע וועגען זיך צו לאָזען מיט אונבעקאַנטע פֿאָלקער דאָרט צו האַנדלען אונ אָפֿט מיט'ן לעבען ניט זי־כער זיין?

אָבער טאַקי די אַללע מַעֲלוֹת פֿון דעם לאַנד האָבען דאָס חינעזיש פֿאָלק פֿאַר איין אָבגעזונדערט פֿאָלק געמאַכט, מיט בעזאָנדערע מִדּוֹת אונ מִנְהָגִים, מיט איי־גענאַרטיגע געדאַנקען אונ בילדונג, וואָס האָט די איבריגע פֿאָלקער גאָר נישט געגע־בען אונ פֿון זיי אויך גאָר נישט גענומען, אונ טאַקי דאַריבער איז עס אין זיין ענט־וויקלונג אונ בילדונג ניט וויטער געגאַנגען ווי עס איז שוין מיט טויזענדער יאָהרען צוריק לאַנג געוועזן.

מיט אַללע איהרע פּראָווינצען, אייגענע אונ שפּעטער צוגעקומענע, פֿער־נעהמט חינאַ איצט אַ פּלאַץ, וואָס איז בערעכענט ביז 12 מילליאָן קוואַדראַט קילאָ־מעטער, אונ בעשטעהט אין גאַנצען פֿון צוויי דריטעל האָכלאַנד אונ אַלפּען געגענ־דען, אונ פֿון איין דריטעל פֿלאַך לאַנד אונ נידערלאַנד*).

די וויכטיגסטע טייכען פֿון חינאַ זיינען: דער יאַנגטשע־קיאַנג, וועלכער פֿליסט אַרוים פֿון די הויכע בערג פֿון מַעֲרִיב זייט אונ ציהט זיך אין אַ לענג פֿון מעהר ווי 5000 קילאָמעטער, אונ טראָגט איבער טויזענדער שיפֿען מיט אַללער אַרטען לאַ־דונג, ביז ער פֿאַלט אין ים אַריין. מיט זיבען הונדערט קילאָמעטער עהדער ער פֿאַללט אין ים אַריין איז ער שוין אַזוי ברייט אונ טיף, אַז די גרעסטע ים שיפֿען קאָנען שוין פֿריי געהן אויף איהם. דער האָאַנגהאָ, אָדער דער „געלבער שטראָם" פֿליסט אויך כִּמְעַט אין דערזעלבער ריכטונג, אונ חאָטש ער איז ניט אַזוי לאַנג ווי דער יאַנג־טשע־קיאַנג איז ער אָבער בעדייטענד שטראָמיגער פֿאַר איהם, פֿערפֿלייצט אָפֿט מיילען וויטע געגענדען פֿון ביידע זייטען, אונ אין איהם פֿאַללען אַריין די

*) בכלל מעסט מען די אָבערפֿלאַכע פֿון דער ערד מיט וויפֿיעל יעדע געגענד איז האָבער אָדער נידריגער פֿאַר די אָבערפֿלאַכע פֿונ'ם ים. געגענדען, וואָס זיינען נאָך נידריגער פֿון דער אָבערפֿלאַכע פֿונ'ם ים הייסען: „נידערלאַנדער" אָדער „טיפֿלאַנדער", ניט פֿיעל האָכערע — הייסען: „פֿלאַכלאַנדער", פֿיעל האָכערע אונ בערגיגע הייסען: „האָכלאַנדער"; געגענדען מיט גאַנץ הויכע אונ לאַנגע בערג רופֿט מען: „אַלפּען־געגענדען".

וואַסערן פֿון אַ פלאַץ וואָס פֿערנעהמט מעהר ווי אַ מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער. דער „טיגער פֿלוס“ פֿליסט אַרוים פֿון דָרום זייט לאַנד, און ביז ער פֿאַלט אין יַם אַריין געהען אויף איהם די גראָסטע שיפֿען. חוץ די דריי הויפּט טייכֿען האָט חינאַ זעהער פֿיעל קלענערע טייכֿען און קאַנאַללען, וואָס שניידען דורך דאָס גאַנצע לאַנד אין דערלענג און אין דער ברייט און פֿעראייניגען אַללע טייכֿען איינע מיט די אַנדערע, אַזוי, אַז מיט איין שיף איז מאָגליך אַללע טייכֿען דורכֿצופֿאָהרען.

די חינעזער אַלליין רופֿען זייער לאַנד „טשונג קוע“ (דאָס מיטעלסטע לאַנד). אין אַמאַליגע צייטען איז דאָס לאַנד אין איירָאָפּאַ בעקאַנט געוועזן מיט דעם נאָמען „קהאַטאַי“ און דערפֿון שטאַמט דער נאָמען „קיטאַי“ ווי דאס לאַנד ווערט אין רוסלאַנד אָנגערופֿען. „חינאַ“ האָט מען עס אָנגעהייבען רופֿען ערסט, ווען איירָאָפּאָאישע סוֹחֲרִים האָבען אָנגעהייבען האַנדלען אין די פּראָווינצען „טשין“ און „אינאַן“ און פֿון דיביידע נאָמען איז אַרוים דער איין נאָמען „חינאַ“.

די געשיכטע פון חינעזישען פאלק.

ווי אַללע אַנדערע שטאַמען און פֿאָלקער פֿון דער מאָנגאָלישער ראַססע, האָט אין אָנהייב דאָס חינעזיש פֿאָלק אויך געלעבט אין יענע ווייטע מִזְרָח לאָנדער פֿון אַזיען, וועלכֿע זיינען אַם פֿריהסטען בעזעצט געוואָרן פֿון דער ראַססע מענשען, און איז אַהער אין זיין איצטיג לאַנד געקומען, ווען עס איז שוין געוועג גרויס און שטאַרק געוועזן אַרוים צו טרייבען זיינע ערסטע איינוואָהנער און זייער אָרט דאָ צו פֿערנעהמען. וואָרום נאָך איצט וואָהנט דאָרט אַ האַלב ווילד מאָנגאָליש פֿאָלק מיט דעם נאָמען „מי־אַאָ־טשע“, וואָס רעכֿענט זיך פֿאַר דעם ערסטען איינוואָהנער פֿונ׳ם לאַנד און וואָס איז פֿונ׳ם חינעזישען פֿאָלק אין פֿיעל זאַכֿען פֿערשידען, נור די געשיכֿטע פֿון חינאַ רעדט פֿון יענעם פֿאָלק גאַנץ ווייניג און דערמאָהנט נור די „מי אַאָ־טשען“ ווי איינס פֿון די אַרומיגע פֿאָלקער מיט וועלכֿע די חינעזער האָבען שטאָנ־דיג מִלְחָמוֹת געפֿיהרט.

די געשיכֿטע הייבט דאָס פֿאָלק אָן צו רעכֿענען פֿין זינט הימעל און ערד זיינען בעשאַפֿען געוואָרן ביז איצט, און טהיילט זיא איין אין דריי פעריאָדען.

צו דער ערסטער פעריאָדע געהאָרען אַללע לעגענדען און זאַגען, וואָס מען האָט אין אַלטע צייטען דערצאָהלט, און זיינען שפּאָטער פֿערשריבען געוואָרן אין חינעזישע ביכֿער, אַזעלכֿע לעגענדען ערקלערן דעם בעגריף און מיינונג פֿונ׳ם פֿאָלק, ווי אַזוי הימעל און ערד זיינען ענטשטאַנען, און ווי אַזוי די ערד איז מיט מענשען בעוואָהנט געוואָרן.

די אנדערע פעריאָדע הייבט זיך אָן פון יענער צייט, ווען אין חינא האָבען שוין רעגירט איבערן פאָלק די ערסטע פינף האלב לעגענדארישע, האלב פאטריאר-כאלישע קיסרים, אונ האבען געלעבט, לויט זייער רעכנונג פון 3221, ביז 2205 פאַר דער אייראָפּאָאישער צייט רעכנונג, אָדער פון תק"ם ביז א. תקנ"ו נאך יודישער צייט רעכנונג, אונ אבוואהל אלץ וואס ווערט פון יענער צייט אונ פון יענע פינף קסרים דערצהאָלט זיינען לעגענדאריש אונ דונקעל, זיינען זיי אבער ביים גאנצען פאָלק אין אללע צייטען הייליג אונ געאכט געבליבען, אונ דערקלערן פיעל שפּאָטערע בעגע-בענהייטען אין זיין געשיכטע אונ לעבען, אונ דאריבער איז ניט איבריג אייניגע פון זיי דא צו דערצאָהלען, עהדער מיר הייבען אָן צו בעשרייבען די ווירקליכע גע-שיכטע פון דעם אלטען פאָלק.

דער ערסטער פון יענע פינף קיסרים איז געוועזען דער קיסר פא-הי, וואס האט רעגירט, לויט ווי די לעגענדע דערצאָהלט, פון 3341 ביז 3221 פ (ת"ק ביז תק"ם). אין זיין צייט איז דאס חינעזישע פאָלק נאך האלב ווילד געוועזען, ניט געוואוסט פון קיין ארבייט אונ פון קיין אָרדנונג אין לעבען. פא-הי איז דער ערסטער, וואס האט דאס פאָלק צוגעוואוהנט צו אָרדנונג אונ איהם געוויזען ווי מען קאן בעסער לעבען ווי ביז אהער. ער אלליין האט ערפונדען ווי פאַדעם צו מאכען אונ האט דאס פאָלק געלערנט ווי פאַדעם צו בענוצען. צום ערסטען האט ער איהם בעוויזען ווי פון פאַדעם נעטצען אויסצוקניפען מיט זיי פיש צו פאנגען, אונ דערנאך—ווי די פאַדעם צו שפינען אונ וועבען פאר זיך קליי-דער פון דעם צו צוגרייטען. אז דאס פאָלק איז שוין דערמיט בעזאָרגט געוועזען, האט ער איהם אנגעוויזען די זעקס ארטען הויז-טהירע: פערד, רינדער, שאף, שווינען, הינד אונ היהנער, אונ איהם בעוויזען ווי נוטצען צו האבען פון זיי, אונ דאס פאָלק האט אנגעהייבען צו פיטערן דיזע ארטען הויז טהירע אונ האט דורך דעם זיין לעבען פערבעסערט. דאמאלס האט שוין פא-הי די ערסטע געזעצע געלערנט: ווי יעדער מענש פון זיין פאָלק זאלל לעבען אונ זיך פיהרען פאר זיך אונ אויך מיט דעם אנ-דערן אין לאנד. ער האט איהם אויך די רעליגיאָן געגעבען, ווי מען ברויך גלוי-בען, אז דער הימעל איז דער פאטער אונ די ערד איז די מוטער פון אלץ אונ ווי יעדער מענש ברויך זיי כבוד אבגעבען אונ אויך פייערן פאר זיי. דאס פאָלק האט עס פערשטאנען אונ האט אנגעהייבען פיהרען זיך נאך די אללע געזעצע פון זיין קלוגען קיסר. הימעל אונ ערד זיינען די גוטע מעשים פון פא-הי געפאללען, דערפאר האט איהם דער הימעל געגעבען דאס צייכען פון פערנונפט, וואס זאלל איהם אונ זיין פאָלק האָכער שטעלן ניט נור ווי אללע חיות אין וואלד אבער אויך ווי אללע מענ-שען אין דער וועלט. די ערד האט איהם געלאזט ערשיינען דעם הייליגען דראכע *).

*) דאס איז אזא גייסט אין געשטאלט פון א שלאנג מיט פליגלען.

וואָס זאָלל זיין לאַנד אונ פֿאָלק אַ בעשיצער זיין אין אַללע צייטען.

פֿון דער ערשיינונג איז פֿאָ־הי׳ס שֵׂכֶל נאָך ליכטיגער געוואָרן אונ ער האָט פֿון די שטערן אין הימעל אַ מוסטער אָראַבגענומען ווי אַ שריפֿט צו מאַכען מיט דעם זיינע קֵיסָרליכע געזעצע צו פֿערשרייבען אונ ווי דאָס פֿאָלק צו לערנען שרייבען אונ לעזען עס זאָלל דיזע געזעצע קיינמאָל פֿערגעסן. אויך איז ער דער ערסטער, וואָס האָט מוזיקאַלישע אינסטרומענטען געמאַכט. זיין מיניסטאָר טשאַנג האָט ער געהייסען די צייכען בעשטימען ווי יעדען מוזיקאַלישען טאָן איינצוטהיילען אונ יעדען נִגוּן צו פֿערשרייבען.

זיין קלוגע שוועסטער נו־גוא, וואָס האָט מיט איהם צוגלייך די מְלוּכָה געפֿיהרט, האָט דאָס ערסטע פֿאַמיליען־לעבען צווישען מאַן אונ פֿרוי איינגעפֿיהרט. אַלס צייכען פֿון חוּפָּה וְקִידוּשִׁין האָט זי בעשטימט, אַז ווען אַ מאַנספערשוין שיקט אַ פֿרויענצימער צוויי פֿעלל פֿון ערגעץ וועלכע חַיוֹת אונ דאָס פֿרויענצימער נעהמט זיי צו פֿאַר עֵדוּת, ווערן זיי ביידע מאַנן אונ ווייב, וואָס מוזען זיך איינאַנדער געהאָרן זייער גאַנץ לעבען. אַזעלכע פֿאַמיליען פֿון מאַנן אונ ווייב האָט פֿאָ־הי די נאָמען געגעבען ווי זייערע קינדער זאָללן זיך אָנרופֿען אויף אייביגע דורות.

115 יאָהר האָט, לויט נאָך דער לעגענדע, דער קלוגער קֵיסָר רעגירט אונ די מְלוּכָה איבערגעגעבען זיין עניקעל שין־נונג.

אין פֿאָ־הי׳ס צייטען האָט נאָך דאָס פֿאָלק ניט געוואוסט פֿון ערד־אַרבייט, שין־נונג האָט דער ערסטער געפֿונען די פֿינף אַרטען געטריידע, וואָס זאָללען זיין פֿאָלק דערנאָהרן ביז אייביגע דורות. ער האָט אלליין די ערד געאַקערט אונ געוויזען דעם פֿאָלק ווי צו זייען אונ צו שניידען, אונ פֿון פֿאַסטוכער זיינען די חינעזער, אין זיינע צייטען, געוואָרן אַ פֿאָלק פֿון ערדאַרבייטער. פֿון דענסטמאָל איז דער מִנְהָג אין חינאַ, אַז דער קיסר איז דער ערסטער ערדאַרבייטער אין לאַנד אונ מוז יעדען פֿריהלינג אַלליין אַקערן זיין פֿעלד. יענעם קיסר וואָס האָט עס איינגעפֿיהרט האָט מען טאַקי צו ליעב דעם גערופֿען: שונ־נאַנג, וואָס דאָס בעדייט: דער גאָטליכער ערדאַרבייטער.

דער דריטער קֵיסָר איז האָאַנג־טי, פֿון איהם דערצאָהלט די לעגענדע, אַז ער האָט אויסער פֿיעל ערפֿינדונגען אין אַללערליי אַרבייט אויך דיא רעגירונגס זיסטעם געמאַכט ווי דאָס לאַנד זאָלל רעגירט ווערן אין אַללע צייטען. ער האָט דאָס גאַנצע לאַנד אין פּראָווינצען צוטהיילט, יעדער פּראָווינץ אָנגעצייכענט די שטאָדט, וואָס געהאָרן צו איהר. ער האָט אויך בעשטימט די אַללע אָבגאָבען, וואָס יעדע פּראָווינץ איז פֿערפֿליכטעט צו צאָהלען דעם קֵיסָר. פֿאַר זיך אונ פֿאַר שפּעטער הערר־שער האָט ער די מיניסטאָרן בעשטימט, וואָס זאָללען זייערע ראַטהגעבער אונ מיט־העלפֿער זיין אין שטאַנדיגע צייטען. ער האָט אויך די ערסטע שיפֿען געלאָזט בויען אונ

האָט אַלליין די זעגלען ערפֿונדען ווי די שיפֿען זאָללן קאָנען אויפֿ'ן וואַסער שווימען און איבערפֿיהרען מענשען און וואַארע פֿון איין פּראָווינץ צו דער אַנדערער. חוץ די גרויסע אָרדנונג פֿון זיין לאַנד האָט ער פֿאַר זיך געלאָזט אויסבויען די שטאָדט לאָ=יאָנג און האָט זי בעשטימט פֿאַר דער רעזידענץ שטאָדט פֿון גאַנץ חינאַ.

צו פֿערגרינגערן דעם מִסְחָר, וואס האָט אין זיין צייט אנגעהייבען גרויס צו ווערן, האָט ער פֿון גאָלד די ערסטע מַטְבֵּעוֹת געמאַכֿט און האָט דען פּרייז בעשטימט פֿון יעדער סְחוֹרָה. זיין פֿרוי, די קאַיזערין לאָ=אוי=טזען איז די ערסטע, וואָס האָט דעם זייד=וואָרעם געפֿונען און האָט דאָס פֿאָלק געלערנט דעם וואָרעם האָדיווען און פֿון זיין געוועבס פֿאָדעם און זיידענשטאָף צו וועבען, דאַריבער רעכֿענט זיך נאָך איצט די קאַיזערין פֿון חינאַ פֿאַר די בעשיצערין פֿון דער זייד וועבעריי, וואָס איז אין לאַנד געאַכֿטעט אַזוי ווי ערדאַרבייט. און ווייל דער קֵיסַר האָט איינגעפֿיהרט די געלבע קליידער אין לאַנד הייסט ער דעריבער: האָ=אַנג=טו, וואָס בעדייט: דער געלבער הערשער.

דעם פֿיערטען קֵיסַר האָט מען גערופֿען יאַ=אָ. אין זיינע צייטען, דערצאָהלט אַ לעגענדע, איז אַ גרויסער מַבּוּל געוועזן, וואָס האָט די גאַנצע וועלט פֿערפֿלייצט.

איין אַלטער שטיין, וואָס שטעהט נאָך איצט אויפֿן שפּיץ בארג חען=שין, האָט אויף זיך איין אויסגעקריצטען מאַניפֿעסט פֿון דעם זעלבען יאַ=אָ מיט פֿאָלגענדע ווערטער:

„דער עהרווירדיגער הערשער זאָגט: העלפֿער און ראַטהגעבער, וועלכֿע שטעהען מיר ביי אין מיין רעגירונג! די גרויסע און די קליינע אינזעלן זיינען אללע פֿערפֿלייצט, די פֿויגעל און ווילדע טהירע און אַלץ וואָס לעבט און אַטהעמט איז וויט אַרום און אַרום פֿערטרונקען. געפֿינט מיטעל ווי דאָס וואַסער אָבצולייטען צו רעטען זיך און יענע, וואָס זיינען נאָך געבליבען! לאַנג שוין האָב איך מיין הויז פֿערלאָזען. איצט רוה איך אויפֿ'ן גיפּפֿעל פֿון בערג יאָ=טו.

דורך וויסענשאַפֿט און אַרבייט האָב איך בעוועגט די גייסטער! דאָס האַרץ איז מיר אָהן וואונדען. געהענדיג און זוכֿענדיג האָב איך עס בעשטימט: די בערג חי=ראַ, יאָ=טו, טאַי און חען זיינען דער אָנהייב און די ענדע פֿון מיין אונטערנעהמונג. נאָך געענדיגטער אַרבייט האָב איך אין מיטען זומער מיט איין אויפֿגעריכֿטען געמיטה אָפּפֿער געבראַכֿט. נון איז די שלעכֿטע צייט צור ענדע און דאָס אונגליק האָרט אויף. די שטראָמען פֿון דָרום פֿליסען און נעהמען מיט דאָס וואַסער אין ים צוריק. קליידונג איז דאָ, נאַהרונג ווערט צו געגרייט, די וועלט ווערט בערוהיגט און פֿראָהליכֿע אַרבייט זאָלל זיך ווידער אָנהייבען!"

ווי לאַנג יענער געקריצטער שטיין שטעהט שוין ווירקליך אויף יענעם באַרג

איז שווער צו אורטהיילען, גאנץ אלט איז ער געווים, אָבער צו האָט איהם טאָקי יענער פֿיערטער פֿאַרהיסטאָרישער קיסר געלאָזט אויסקריצען אונ אַוועק שטעלן, ווי די חינעזער פֿערזיכערן, איז שווערליך צו גלויבען, יעדענפֿאללס דערמאָנט ער אָן דעם מבול, וואָס לויט נאָך אונזער רעכענונג איז ער געוועזען כּמעט אין דערזעלבער צייט.

פֿאַר זיין טוידט, דערצאָהלט די חינעזישע געשיכטע, אַז ער האָט זיך אַרומגע־זעהן, דאָס זיין זוהן האָט ניט די פֿאָהיגקייטען אַ רעכטער אונ קלוגער הערשער צו זיין, האָט ער די מלוכה איבערגעגעבען דעם פּרינץ שין, איין עניקעל אין אַכטען דור פֿון דעם קיסר האָאנג־טי, אונ האָט איהם אויך זיינע ביידע טאָכטער פֿאַר ווייבער געגעבען. דערפֿון שטאַמט דאָס געזעץ אין חינא, דאָס דער קיסר אַלליין ברויך צו בעשטימען ווער עס זאָלל הערשער זיין נאָך איהם. שין האָט דער ערס־טער די זעקס מיניסטאָרען בעשטימט, וועלכע זאָללן העלפֿען יעדען קיסר הערשען אין לאַנד, אונ האָט גענוי אָנגעצייכענט יעדען מיניסטאָרס ארבייט אונ זיין מאַכט, וואָס ער האָט.

פֿאַר דעם טהויער פֿון זיין רעזידענץ האָט ער אַ ברעט געשטעלט, דאָס יע־דער, וואָס וויים ערגעץ אַ פֿעהלער פֿון די רעגירונגס בעאַמטע, פֿון דעם קלענסטען ביז דעם גראָסטען, זאָלל דאָ אויף דעם ברעט אויפֿשרייבען וואָס ער וויים, כּדי דער קיסר אַלליין זאָלל קאָנען איבערלייענען אונ וויסען די זאַך נאָכצופֿאָרשען. חוץ דעם האָט ער געבען דעם ברעט אַוועגשטעלט אַ פּויק, דאָס יעדער וואָס איז איהם פֿון דער רעגירונג איין אונרעכט געשעהן, זאָלל מיט פּויקען אויפֿרופֿען דאָס פֿאָלק אונ פֿאַר איהם פּראָטעסטירן געגען דער אונרעכט וואָס איז איהם געשעהן.

מיט דעם קיסר שין ענדיגט זיך די פֿאַרהיסטאָרישע, אָדער האַלב־לעגענדאַ־רישע פּעריאָדע אונ הייבט זיך אָן די ווירקליכע געשיכטע פֿון חינא, דאָס הייסט: די געשיכטע וואָס האָט שוין ניט צו טהון מיט לעגאַנדאַרישע פּערזאָנען אונ איבערנאַ־טירליכע ערצאָהלונגען נור וואָס דערצעהלט פֿון ווירקליך הערשענדע קיסרים איבערן לאַנד, וואָס זייער רעגירונגס צייט איז אין חינעזישע ביכער גענוי בעשטימט אונ וואָס פֿיעל פֿון זייערע קברים זיינען נאָך איצט ביי דעם פֿאָלק הייליג.

די ערסטע דינאַסטיען ביז קאָנפֿוקציוס.

דער קיסר יי איז דער אָנפֿאַנגער פֿון דער דינאַסטיע הָיאַ, וועלכע האָט אַ דור נאָך אַ דור רעגירט אַ משך פֿון 483 יאָהר, (פֿון 2205 ביז 1722 פ') פֿון א. תקנ"ו ביז ב. ל"ט — די ערסטע קסרים פֿון דער דינאַסטיע האָבען קיין נייעס אים לאַנד ניט

איינגעפירט, נור געהערשט לויט די אַלטע געזעצע, וואָס זיינען שוין אין לאַנד איינגעפיהרט געוועזען פון פריהער. צווישען קיסר און פאָלק זיינען נאָך קיין ראַטהגעבער און שׂרים ניט געשטאַנען, דער קיסר אַלליין האָט געוואָלט דאָס פאָלק קענען, האָט שטאָנדיג געזאָרגט פאַר איהם ווי אַ פאָטער פאַר זיינע קינדער, און דאָס פאָלק איז מיט אַזעלכע הערשער צופריעדען געוועזען, האָט זיין קיסר געליעבט און איהם פערהייליגט ווי אַ גאָטט אויף דער ערד. דאָס גאַנצע לאַנד איז גליקליך געוועזען, ניט געוואוסט פון צו שווערע אָבגאַבען, יעדער האָט פלייסיג געאַרבייט, דער ערדאַרבייטער זיין פעלד, דער האַנדווערקער ויינע זייד, אָדער שאָנע פאָרצעלאַן כלים, דער האַנדעלסמאַן האָט געהאַנדעלט און קיינער האָט ניט געוואוסט פון אונצופריעדענהייט. ניט אַזוי אָבער איז עס שפּעטער געוואָרען. נור דיא ערסטע הערשער זיינען אַזוי נאָהענט צום פאָלק געוועזען, וואָס אַ דור ווייטער האָט יעדער קיסר פון פאָלק זיך אַלץ דערווייטערט, גרויס געמאַכט זיין פאַלאַץ און זיין הויף, זיך אַרומגערינגעלט מיט פיעל מיטהעלפער און ראַהטגעבער, און די זיינען שוין ניט געוועזען ווי יענע ראַהטגעבער פון די ערסטע קסרים, וואָס האָבען זייער קיסר צום גוטען געראַטהען, נור זיי זיינען שוין געוועזען נישט מעהר ווי זיינע בעדיענטע, וואָס האָבען ניט קיין אייגענע רעכטשאַפענע עצות געגעבען נור, וואָס האָבען שטאָנדיג נור אויסגעפיהרט אַלץ וואָס דער קיסר הייסט. און ניט דוקא וואָס דער קיסר הייסט, אָבער אַלץ וואָס זיי אַלליין האָט געטויגט האָבען זיי אין זיין נאָמען געזאָגט, און דערוויל אָנגעלעגט אַ יאָך איבער אַ יאָך אויפ'ן פאָלק ביז עס איז מיעד געוואָרען צו טראָגען. עס האָבען זיך אָנגעהייבען בונטען אין לאַנד און צווישען קיסר און פאָלק האָבען זיך מלחמות אָנגעהייבען. אַזוי האָבען זיך די געגענזייטיגע מלחמות געצויגען ביז עס איז געראָטהען דעם פירסט פון פראָווינץ „אין" גובר צו זיין דעם קיסר און זיך אַלליין זעצען אויף זיין טהראָן, און דערמיט האָט זיך געענדיגט די הערשונגס צייט פון דער דינאַסטיע הַיא און האָט זיך אָנגעהויבען דיא צווייטע דינאַסטיע, אָדער די דינאַסטיע „שאַנג", וואָס האָט ווידער אַדור נאָך אַדור רעגירט פון 1766 ביז 1122 פ.

אָבער די לאַגע פונ'ם פאָלק איז נור אין דער ערשטער צייט בעסער געוואָרען. טשינג־טאַנג דער ערשטער קיסר פון דער דינאַסטיע שאַנג האָט אֲפילו זיך אומגעקעהרט צו די אַלטע זיטען, האָט בעפרייט אַללע געפאַנגענע און פערהאַפטעטע וואָס דער פאָריגער קיסר האָט זיי געלאָזט פאַנגען און פערהאַפטען, ער האָט אֲפילו די אָנגעקליבענע אוצרות פון קייזערליכען הויף צוטהיילט פאַר אָרעמע און בעדירפטיגע, אָבער זיינע נאַכפאָלגער זיינען שוין צוריק אַראָב פון אַלטען וועג, און אַלץ וואָס האָט פאַסירט אין די צייטען פון דער ערסטער דינאַסטיע האָט זיך ווידערהאָלט אין דער צווייטער.

מִלְחָמוֹת, בלוט פֿערגיסונגען, ביז די צווייטע דינאַסטיע איז געפֿאַללען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דריטע.

אזוי צאָהלט די חינעזישע ווירקליכע געשיכטע פֿון אָנהייב אָן ביז איצט, 22 דינאַסטיען, וואָס יעדע פֿון זיי האָט כּמעט צו עטליכע הונדערט יאָהר רעגירט און וואָס אין דער גאַנצער לאַנגער צייט איז שוין דאָס לאַנד פֿיעל מאָל, דורך שלעכטע הערשער און ראַהטגעבער, אין צווייען און אין דרייען צוריסען געוואָרען. עס זיינען צייטען געוועזען, וואָס אין חינאַ האָבען צו צוויי און צו דריי קֵסָרִים געהערשט אין איין און דער זעלבער צייט, און ווי דערשטייגער איז, מִלְחָמָה געפֿיהרט צווישען זיך פֿאַר דער אַלל=איינציגע הערשאַפֿט.

די מִלְחָמוֹת האָבען אָבער זיי אַלל'עַיְין אָבגעשוואַכט און יעדער קליינער אָדער גראָסערער פּראָווינצען פֿירסט, וואָס האָט זיך איהם געוואָלט ווערען זעלבסטשטאָנדיגער הערשער, האָט זיך אין גאַנצען פֿון דער קֵיסרליכער מאַכט אָבגעריסען און איז זיך געוואָרען אַ מאָנאַרך פֿאַר זיך. דאָס אַללעס האָט אָבער דאָס גאַנצע לאַנד אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז די מאָנגאָלישע נאָמאַדען פֿאָלקער, וואָס האָבען אין די וויסטען און שטעפּען געוואָהנט, וואָס זיינען נעבען חינאַ, האָבען מוטה בעקומען אַ מאָל נאָך אַ מאָל אין לאַנד זיך אַריינצורייסען, ראַבירען און טוידטען די פֿרידליכע איינוואָהנער וואו נור זיי האָבען געקאָנט, און דאָס חינעזיש פֿאָלק, וואָס האָט ביז דאַן געמיינט, אַז צו איהם קאָן שוין קיין פֿאָלק אין דער וועלט ניט צוקומען, האָט זיך איצט ארומגעזעהן, אַז זיין לאַנד איז נאָך גענוג אָפֿען, און ניט נור גרויסע פֿעלקער קאָנען איהם שאַדען טהון נור זעלבסט די קליינע נאָמאַדען באַנדעס, פֿאַר וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשראָקען, ראַבירען, פּלינדערן און טייטען אין זיין לאַנד, און דער קֵיסר איז שוואַך איבער אינערליכע קריעג און קאָן דערצו גאָר נישט העלפֿען. וואָס לאָנגער עס האָט זיך געצויגען די מִלְחָמוֹת אין לאַנד, דאָס שטאַרקער זיינען געוואָרען די מאָנגאָלישע נאָמאַדען און זיינען שוין ווי אַ פּלאָג פֿאַר דעם לאַנד געבליבען הונדערטער יאָהרען.

אָבער די אַללע צָרוֹת פֿונ'ם פֿאָלק האָבען פֿון צייט צו צייט ארויסגערופֿען בעריהמטע העלדען און בעריהמטע מענשען, וועלכע האָבען זיך ניט נור אין דער חינעזישער געשיכטע אַ אונשטאָרבליכען נאָמען געלאָזען, אָבער וואָס זיינען פֿאַרעוויגט געוואָרען אין דער מענשליכער אַללגעמיינע געשיכטע.

קאָנפֿוציוס (קאָנג=פֿו=טשיץ).

אין די שווערע צייטען פֿאַר דעם חינעזיש פֿאָלק, ווענן אין לאַנד האָט רעגירט

איינער פֿון דער דינאַסטיע טשואַי, וועלכֿער האָט מיט די לעצטע כחות געשטריטען געגען די איינענע פֿירסטען וואָס האָבען זיך זעלבסטשטאָנדיג געמאַכט, האָבען די מאָנגאָלען אָנגעהויבען אַלץ אָפֿטער אָנפֿאַללען אויף דאָס לאַנד, און גאַנצע שטאָדט און פּראָווינצען זיינען חָרֵב געוואָרען. אין דעם טרויעריגען צושטאַנד האָט דאָס פֿאָלק שטאַרק געקרעכֿצט, געזוכט אַ וועג וויא זיך צו העלפֿען און ניט געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדען ער זאָלל איהם דען וועג צו הילף ווייזען. אין דער צייט איז אין אַ קליין שטאָדטעל טשוי-טשע פֿון פּראָווינץ שאַנג טאַנג, ביי אָרעמע עלטערן דעם 19-טען יולי 551 פֿ (ג. ר"י) געבוירן געוואָרן קאָנפֿוציוס, וואָס דאָס חינעזיש פֿאָלק האָט איהם ניט נור זיין רעליגיאָן צו פֿערדאַנקען אָבער אויך פֿיעל פֿון זיין זאָנדערבאַרקייט ווי אין זיין גלויבען אַזוי אויך אין זיין לעבען.

קונג-טשונג-נו האָבען איהם זיינע עלטערן אַ נאָמען געגעבען, און ערסט דאַן ווענן ער איז שוין דורך זיין לעהרע בעקאַנט געוואָרן האָבען זיינע אָנהאָנגער אָנגעהייבען רופֿען: „קאָנג-פֿו-טשע", וואָס בעדייט „עהרווירדיגער לעהרער". ווי אָרעם זיין מוטער איז געוועזן, וועלכֿע איז נאָך באַלד אַ אַלמנה געבליבען, האָט זי איהרע לעצטע מיטטעל ניט געקאַרגט איהר קינד צו לעהרנען לעזען און שרייבען. דאָס קינד האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען ווי פֿאָהיג עס איז דערצו. צו זיבצען יאָהר האָט ער שוין דורכֿגעלעזען אַ מענגע חינעזישע ביכֿער, וואָס בעשרייבען און שילדערן די אַלטע צייטען פֿון די פֿאָרהיסטאָרישע הערשער אים לאַנד און וואָס שטעלן פֿאָר ווי גוט און גליקליך די געוועזענע דורות האָבען געלעבט. דער קֵיסר איז אַ פֿאָטער געוועזן פֿון זיין פֿאָלק און דאָס פֿאָלק האָט זיין גליק געטהיילט מיט זיין קלוגען הערר-שער. קונג-טשונג-נו, האָט אויך אַללע געזעצע פֿון אַמאָליגע הערשער אויסגעלערנט, וואָס דערפֿאַר האָט ער ביי דער דאַמאָליגער רעגירונג אַ קליינע שטעללע בעקומען מיט אַ קליין געהאַלט. באַלד אָבער האָט מען זיינע פֿאָהיגקייטען און געלערנטקייט בעמערקט, און אַז ער איז אַלט געוואָרן 23 יאָהר האָט איהם די רעגירונג געמאַכט פֿאַר גענעראַל אינספּעקטאָר איבער אַללע קייזערליכֿע הערדען און לאָנקעס און איהם אַ געהאַלט געגעבען וואָס איז איהם גענוג געוועזן צו לעבען מיט זיין מוטטער אַ נ פֿאַמיליע אַ גליקליך לעבען. אָבער טאַקי אין דער צייט, ווען ער האָט שוין געקאָנט גליקליך לעבען, האָט דאָס פֿאָלק זעהר פֿיעל געליטען: בלוט און טרערן האָבען זיך געגאָסען אין גאַנצען לאַנד. חינעזער מיט חינעזער האָבען געשטריטען איבער הערשאַפֿט און נאָמאַדען און רויבער באַנדעס האָבען גערויבט און אויסגעטויט גאַנצע דאָרפֿער און שטאָדט. דערצו האָבען נאָך דיא רעגירונגס בעאַמטע דאָס פֿאָלק אונטערדריקט, אָנגעלייגט אויף איהם אַזעלכֿע שווערע לאַסטען פֿון אָבגאָבען עס זאָלל שוין גאָר ניט קאָנען אַמאָל דען קאָפּ אויפֿהעבען. דאָס גוטע עהרליכֿע האַרץ פֿון קאָנפֿוציוס האָט שוין מעהר ניט געקאָנט דערליידען די אונרעכֿט און אַכְזָרִיוּת, וואָס

זיינען אויגען האָבען גזעהען. דאָס פֿאָלק איז איהם פֿון קינדהייט אָן ליעב געוועזן און זיין פֿאָטערלאַנד טהייער ווי זיין גליק און לעבען, און אָט זעהט ער זיי ביידען אין אַזאַ טרויעריגען צושטאַנד.

„פֿאַר וואָס ליידעט דאָס פֿאָלק? האָט ער זיך געפֿרעגט. פֿון וואַנען קומט אַזאַ שטראָף אויף דעם לאַנד, וואָס איז דורך פֿאַ־הים מַעֲשִׂים טוֹבִים אַ מאָל אַזוי גע־בענשט געוואָרן? ווער איז שולדיג אין דעם און פֿון וואַנען שטאַמט דאָס אונגליק?“ און צוקוקענדיג זיך צו די מיילען לאַנגע און ברייטע פֿעלדער, וועלכע זיינען געאַ־קערט און געזייעט, זיך צוהערענדיג צו דעם קלאַפּען פֿון העק און האַמער וואו טויזענדער און טויזענדער מענשען אַרבייטען שווער און פֿלייסיג ברויט און נאַהרונג צו פֿערדינען פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע פֿאַמיליען, האָט ער זיך געאָנטווערט: ניין! ניט דאָס פֿאָלק איז שולדיג, ווענינגסטענס ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק, אָבער נור אַ טהייל פֿון איהם, וואָס האָט אויפֿגעהערט אַרבייטען, אויפֿגעהערט זיך צו בעגניגען מיט דעם וואָס ער האָט פֿון זיין פֿעלד און פֿון זיין האַנדווערק און זוכט נור רייכער צו ווערן און בעסער צו לעבען פֿאַר דעם אַנדערן! שולדיג זיינען אויך די הערשער און גע־לעהרטע, וואָס האָבען אויפֿגעהערט אַליין צו געהען און דאָס פֿאָלק צו פֿיהרען אין דעם זיכערען אויסגעטרעטענעם וועג פֿון אַמאָליגע הערשער און געזעצגעבער; און ניט פֿריהער וועלן הימעל און ערד אויפֿהערן דאָס לאַנד צו שטראָפֿען ביז די הערשער און פֿאָלק וועלן זיך ניט אומקעהרן צוריק צו די אַלטע געזעצע און צום אַלטען גלוי־בען. דאַריבער איז ביי איהם פֿעסט געבליבען אַוועקשענקען זיינע אַללע כחות און לעבען פֿאַר זיין לאַנד און פֿאָלק. באַלד טאַקי האָט ער זיך פֿון זיין אַמט אָבגעזאָגט און זיך נעלאָזט געהען פֿון שטאָדט צו שטאָדט, פֿון פּראָווינץ צו פּראָווינץ פּרעדיגען זיין מוסר און לעהרען דאָס פֿאָלק די אַלטע מִדּוֹת פֿון אַ מאָל.

ווי יעדען גרויסען רעפֿאָרמאַטאָר האָט אויך איהם ניט געפֿעהלט שפּאָט און פֿערפֿאָלגונג פֿון די, וואָס זיין מוסר האָט זיי ניט געטויגט, נור קאָנפֿוציוס איז דערפֿון ניט אַראָבגעפֿאַללען און האָט זיך גליקליך געשאָצט, ווען איינער פֿון טויזענד צוהאָ־רער פֿערשטעהט איהם און פֿאָלגט איהם. נאָך אין זיין לעבען האָט ער שוין פֿיעל תַּלְמִידִים און אָנהענגער געהאַט, וואָס האָבען זיך גענומען פֿיהרען מיט די אַלטע מִנְהָגִים און לעבען צופֿרידען ווי עס האָבען צופֿרידען געלעבט זייערע על־טערן אין זייערע צייטען.

צו אַזאַ צייט, וואָס אין לאַנד זיינען אַזוי פֿיעל אונצופֿרידענע געוועזן, וואָס בונטען און מְרִידוֹת געגען קאָניג און זיין רעגירונג זיינען אין לאַנד אַ געוואָנהייט גע־וואָרען, האָט די רעגירונג געמוזט דערקענען, אַז דורך דער רעליגיאָן וועט דאָס פֿאָלק צופֿרידענער זיין און אויך די רעגירונג זיכערער; וואַרום ניט פֿאָן איין אונזיכט־

באַרן גאָטט אין הימעל האָט קאָנפֿוציוס געפּרעדיגט, ניט פֿאַר איין עביג לעבען נאָך דעם טוידט האָט ער געהייסען זאָרגען, נור פֿאַר אַ גאָט אויף דער ערד: פֿאַר דעם זוהן פֿון הימעל, אין דעם געשטאַלט פֿון אַ קיסר, האָט ער זיין מוסר געזאָגט, ווי צו לעבען און צופֿרידען זיין דאָ אויף דער ערד ווי לאַנג יעדער לעבט, האָט ער דאָס פֿאָלק געלערנט.

אֶמֶת ער האָט דעם קעניג און זיינע בעאַמטע אויך ניט געשמייכעלט, און האָט זיי אָפֿען געזאָגט, ווען איז שולדיג דאָס פֿאָלק און ווען זיינען טאַקי זיי אַלליין שולדיג, נור זיינע רעדען זיינען אַזוי עהרליך און קלוג געוועזען, אַז די הערשער האָבען זיך דערפֿון ניט בעליידיגט, און האָבען אַלליין איינגעזעהן, אַז אַזוי ווי קאָנפֿוציוס לערנט איז טאַקי בעסער צו הערשען. קאָנפֿוציוס לעהרע האָט זעלבסט די רעגירונג אַנערקענט און איז אָנגענומען געוואָרן פֿאַר לאַנדס רעליגיאָן, און האַלט זיך אין לאַנד שוין מעהר ווי 2 טויזענד יאָהר. 72 יאָהר איז קאָנפֿוציוס אַלט געוועזען ווען ער איז געשטאָרבען, אָבער זיין נאָמען לעבט נאָך היינט צווישען זיין פֿאָלק און איז בעקאַנט אויך אין דער געבילדעטער וועלט.

טשין-שי-הוואַנג-טי און די דינאַסטיע האַן (ליי-פינג).

נאָך איינער האָט זיין נאָמען אונשטאָרבליך געלאָזען אין דער חינעזישער פֿאָלקס-געשיכטע, אָבער פּונקט אין געגען זינען ווי קאָנפֿוציוס, און דער איז דער חינעזישער קיסר טשין-שי-הוואַנג-טי, וואָס האָט געהערשט איבער גאַנץ חינאַ און האָט אַללע אָבגעריסענע, זעלבסט שטענדיג געוואָרענע פּראָווינצען צוריק אין איין לאַנד אונטער איין הערשענדער אָבער מאַכט פֿעראייניגט. דאָס איז געשעהן אין 220 יאָהר פֿאַר אייראָפּעאישער צייט רעכנונג, אָדער 250 יאָהר נאָך קאָנפֿוציוס טוידט.

אֶמֶת קאָנפֿוציוס לעהרע און רעליגיאָן זיינען אין גאַנצען לאַנד אָנגענומען געוואָרען, און דורך דעם האָט געוויס אַ גרייסער טהייל פֿון פֿאָלק אָנגעהייבען צו לעבען און פֿיהרען זיך מיט די אַלטע זיטטען ווי קאָנפֿוציוס האָט געלעהרנט, צו איז אָבער דורך דעם די לאַגע פֿונ'ם פֿאָלק און דער צושטאַנד אין לאַנד בעסער געוואָרן ווי ער האָט געהאָפֿט און פֿערזיכערט? די חינעזישע געשיכטע דערצעהלט דערפֿון גאָר נישט, נור די פֿאַקטען ווייזען, אַז די איינענע אונרוהען און אונגליקען, וואָס זענען אין לאַנד אַזוי אָפֿט געוועזען פֿאַר איהם, זיינען אויך נאָך איהם ווייטער געוועזען. די איינענע מִלְחָמוֹת פֿון די פּראָווינץ פֿירסטען געגען קיסר און איינע געגען די אַנדערע, די איינענע אַנפֿאַללע פֿון די נאָמאַדען פֿעלקער, וואָס האָבען ניט אויפֿגעהערט צו רויבען און צו מאָרדען די איינוואָהנער פֿון די גרענעץ פּראָווינצען, און די איינענע

שלעכטע בעהאנדלונג פון דער רעגירונגס בעאמטע וואס האבען דאס ארעם פאלק ניט
געלאזט א קאפ אויפהעבען. מען מוז מודה זיין, אז קאנפוציוס אידעאל, חאטש ער
איז אזוי עהרליך אונ פראקטיש געמיינט געוועזן, האט דעם חינעזישען פאלק קיין גרוי=
סע טובה ניט געטהון אונ איז נאך א סבה געוועזן איהם די נייערע אונ בעסערע ווע=
גען צו פערשטעלן, כדי עס זאל לעבען מעהר פאר זיין פערגאנגענער צייט ווי פאר
זיין געגענווארט אונ צוקונפט.

דער פירסט פון דער פראווינץ טשין, וועלכע האט אללע מאל שטארק געלי=
טען פון די נאמאדען, האט זיך אין זיין צייט א נאמען געמאכט מיט זיין גבורה
איבער די נאמאדען, וואס ער האט פיעל פון זיי אויסגעטוידט אונ די איבריגע וייט פער=
טריבען, דערפאר האבען איהם זיינע פראווינץ איינוואהנער געגעבען דעם טיטול קאניג
טשוואנג=שע=אנג. דאס האט פערדראסען די איבריגע הערשער פון דערזעלבער פראווינץ
אונ 325 קלענערע אונ גראסערע פיהרער פון זיי האבען זיך אויך גענומען דעם טי=
טול קאניג. פון אזוי פיעל קאניגע אין איין פראווינץ זיינען ארויס הריגות אונ מלחמות.
טשוואנג=שע=אנג האט זיך אפילו געפרובט ארויס מיט א מלחמה געגען קיסר אונ
ווערן קיסר פונ'ם גאנצען לאנד, דאס האבען אבער די איבריגע ניט צוגעלאזען.
נור דאס, וואס איז ניט געראטהען דעם פאטער איז געראטהען זיין זוהן טשין=שי=הוואנג.

13 יאהר איז דער פרינץ טשין=שין אלט געוועזן, ווען זיין פאטער איז געשטאר=
בען. ער האט איבער גענומען דאס שטיקעל מלוכה אין פראווינץ טשין אין 245 פ',
ער האט באלד מיט א זעלטענעם העלדענמוטה זיך אבגערעכענט מיט אללע קליינע
קאניגע, וואס האבען זיין פאטער ניט דערלאזען ווערן קיסר פון חינא. פיעל פון
זיי האט ער פערטריבען, פיעל געטוידט. אז ער איז שוין מיט זיי פארטיג געווארן איז
ער ארויס געגען קיסר. אין יאהר 220 פ' איז ער הערשער געווארן איבער גאנץ
חינא, דאס הייסט: ער האט ווידער פעראייניגט דאס לאנד פון אללע פראווינצען
אונטער זיין איינציגער מאכט, אלס קיסר האט ער זיך געלאזט רופען „טשי=שי=הוואנג=טי"
דערמיט האט ער זיין לאנד בעפרייט פון די הונדערט יאהריגע מלחמות פון איין פרא=
ווינץ מיט דער אנדערער. נור דערמיט אלליין האט ער זיך ניט בעגניגט, ער האט
זיך פארגענומען איינמאל פאר אללע מאל דאס לאנד בעפרייען פון אללע זיינע צרות.
אונ האט אנגעהייבען מיט א גרויסער ארמעע ארויס געגען די ווילדע נאמאדען פעל=
קער, האט זיי וייט פעריאגט אונ צושפרייט, האט נאך אין די מלחמות פיעל לאנדער
אונ מאנגאלישע פאלקער איינגענומען, אונ זיין הערשאפט אויסגעברייט וייט איבער
טא=קיאנג, ביז דער אינזעל האי=נאן אונ קאניגרייך אווא. דאס אללעס איז איהם
נאך ווייניג געוועזן, איהם האט זיך געוואלט אויף אייביגע דורות בעפרייען זיין
לאנד פון פרעמדע פאלקער, בפרט פון די נאמאדען, וואס האבען זיך נאך אלץ געפונען
פיעל אין די גרויסע סטעפען אונ וויסטען, וואס ציהען זיך אזוי פיעל אונ אזוי וייט

הינטער צָפוֹן אונ מַעֲרָב גרענצין פֿון די לאַנד. צו ליעב דעם צוועק האָט ער געהייסען אויסבויען אַ גרויסע הויכע וואַנד, וואָס זאָל די גאַנצע אָפֿענע גרעניץ פֿון חינאַ ווי אַ פֿעסטונג פֿערשטעלן, אונ דערמיט וועט שוין דאָס לאַנד אַרומגעצוימט זיין פֿון אַללע זייטען אונ קיין שׂוֹנֵא וועט ניט מעֶגליך זיין, האָט ער געמיינט, צו צוקומען צו איהם. פֿון מִזְרַח זייט איז עס אָבגעטהיילט מיט יַם, מַעֲרָב אונ דָרוֹם פֿערשטעלן די אלפען בערג וואָס אריבער געהן איז אונמאֶגליך, אונ פֿון די איבריגע אָפֿענע זייטען וועט די וואַנד פערהיטען. אַזאַ וואַנד האָט מען טאַקי אין זיין קורצער רעגירונגס צייט אויסגעבויעט. מעהר ווי 300 מייל די לענג, טויזענדער טורעם'ס אונ דאָפּעל-וואַנד האָט די וואַנד, אונ מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן וויפֿיעל מיליאָנען הענד עס האָבען ביי אַזאַ בִּנְיָן געאַרבייט. אַוַדַאי האָט ער געמוזט צווינגען דאָס פֿאָלק צו דער אַרבייט, אונ דאָס פֿאָלק האָט דערפֿון ניט געקאָנט צופֿרידען זיין. דערצו האָט ער נאָך דעספּאָטיש זיך געפֿיהרט מיט דער האָבערער קלאַססע, האָט זעהר בעגרעניצט די מאַכט פֿון די מיניסטאָרען אונ בעאַמטע, אונ האָט ניט געקאָנט דולדען קיין איינווענדונגען אונ אונ-צופֿרידענהייט פֿון די געלעהרטע, וועלכע האָבען איהם דערמאַהנט, אַז ער פֿיהרט זיך ניט לויט נאָך די געזעצע ווי קאָנפֿוציוס האָט פֿאָרגעשריבען פֿאַר'ן הערשער ווי פֿאַר דעם גאַנצען פֿאָלק. דען ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די געלעהרטע פרעדיגען עס אויך פֿאַר'ן פֿאָלק אונ וויללען עס אויפֿהייבען אַ בונדט צו מאַכען געגען איהם, האָט ער געהייסען 460 פֿון זיי פֿערברענען אין מיטען פֿון זיין הויפּשטאָדט אונ האָט באַלד אַ בעפֿעהל אַרויסגעגעבען, אַז יעדער ביי וועמען עס געפֿינען זיך קאָנפֿוציוס ביכער זאָלל זיי אַרויסגעבען צו פֿערברענען, אונ האָט מיט אַ טויט שטראָף בעפֿאָהלען פֿאַר יעדען וואָס וועט די ביכער ניט אַרויסגעבען אָדער בעהאַלטען. אַזוי האָט ער אויס גע-ברענט אונ אויסגעראָט אַללע ביכער פֿון דעם געהייליגטען לעהרער, אונ דאָריבער פֿעהלען נאָך איצט פֿיעל פֿון זיי אונ די, וואָס זיינען נאָך דער וועלט בעקאַנט זיינען ניט גאַנץ אונ ניט אָרגינעל, ערסטשפּעטער האָט מען זיי צוריק אויפֿגעשריבען אונ צו-זאַמענגעשטעלט דורך געלעהרטע, וואָס האָבען זיי אויסווענדיג געלערנט אונ געדענקט. אין גאַנצען איז ער 10 יאָהר קֵיסַר געוועזן פֿון גאַנץ חינאַ אונ האָט פֿאַר'ן לאַנד אַזוי פֿיעל אויפֿגעטהון.

אין יאָהר 210 פֿ איז ער געשטאָרבען נאָך ניט 50 יאָהר אַלט. זיינע נאָכפֿאָל-גער זיינען שוין ניט גלייך געוועזן צו איהם, באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהייבען די אַלטע מִלְחָמָה פֿון אַמאָליגע אונהאַבענגיגע פֿירסטען. איין פֿירסט מיט דעם נאָמען שי-אַנג-יו האָט זיך פֿעראייניגט מיט איין אַנפֿיהרער פֿון אַ באַנדע אונצופֿרידענע פֿאָלקס לייט, מיט דעם נאָמען: ליי-פּאַנג אונ מיט פֿעראייניגטע כּחות האָבען זיי פֿעריאָגט דעם נאָכפֿאָלגער פֿון דעם העלדישען גרויסען קֵיסַר אונ דער שי-אַנג-יו איז קֵיסַר גע-וואָרן איבער'ן לאַנד. דאָס ערביטערט פֿאָלק אויף דעם דעספּאָטישען געשטאָרבענעם

קיסר טשין־שי־הוואנג־טי, האָט איצט, אונטער דער הערשונג פֿון אַ קיסר פֿון אַנייער פֿאַמיליע, געפֿונען די צייט זיין כּעס אויסצולאָזען חאָטש צו די טויטע ביינער פֿון דעם דעספּאָט. מען האָט זיין קבֿר אויפֿגעגראָבען, אַרויסגעשלעפּט די ביינער, פֿער־ברענט זיי און זייער אַש מיטן ווינד צושפּרייט. דער נאָמען טשין־שי־הוואנג־טי איז געבליבען צו שימפּף און פֿלוך אויף אייביגע דורות אין גאַנצען לאַנד.

דאָס האָט אָבער פֿערדראָסען דעם נייעם קיסר'ס פֿריינד, דעם אָנפֿיהרער פֿון די אונצופֿרידענע ליי־פּאַנג, וועלכער האָט איהם פֿריהער געהאָלפֿען קיסר ווערן. ליי־פּאַנג איז אַרויס מיט זיין באַנדע געגען נייעם קיסר, באַלד זיך בעמאָכטיגט זיין פּאַלאַסט, און מיט דעם וויללען פֿון אללע פֿירסטען און פֿאָלק איז ער געוואָרן קיסר. פֿון איהם הייבט זיך אָן די דינאַסטיע האַן, נאָך דעם נאָמען פֿון דער פּראָווינץ אויף וועלכער ער האָט פֿריהער געהערשט. נאָהענט פֿון 500 יאָהר האָט זיין דינאַסטיע געהערשט אין חינאַ, פֿון 202 פֿ ביז 265 נ'—און איהר הערשונג איז די גליקליכ־סטע געוועזען.

אין דער צייט פֿון דער דינאַסטיע אונטער דעם קייזער מינג־טי, האָבען די הינעזער שוין זייערע סחורה אָנגעהייבען אַלליין צו פֿיהרען אין אינדיען, האָבען דאָרט געהאַנדעלט מיט די אינדאָ־סקיטען און דורך דעם זיך דאָרט מיט דער בודד־היסטישער רעליגיאָן בעקאַנט. ביסלעכווייז איז דער בודדהיזם דורך די חינעזישע סוחרים אין חינאַ בעקאַנט געוואָרען, און האָט זיך אָנגעהייבען פֿערברייטערן צווישען פֿאָלק.

דער קיסר מינג־טי האָט איין עקסטראַ געזאַנדשאַפֿט געשיקט אויסצולערנען די רעליגיאָן אין איהר היים. די געלעהרטע, וואָס זיינען אין דער געזאַנדשאַפֿט געוועזן, האָבען פֿון אינדיען מיטגעבראַכט צוויי בודדהיסטישע פּריסטער, וועלכען דער קיסר האָט ערלויבט צו פּרעדיגען זייער רעליגיאָן פֿאַר'ן פֿאָלק. דעם פֿאָלק, וואָס האָט ביז דאַנן פֿון פּריסטער ניט געוואוסט און קיין טעמפּעל ניט געזעהן, איז די נייע רעליגיאָן זעהר געפֿאַללן, בעזאָנדערס צו ליעב דער ריינקייט פֿון בודדהיסטי־שע טעמפּעל און גרויסאַרטיגע צערמאָניען ביי דעם גאָטטעס דינסט, אויך צו ליעב דעם, וואָס די רעליגיאָן דערקלערט, אַז ניט ריינקייט און הערשאַפֿט מאַכען אַ מענ־שען גליקליך, נור אָרעמקייט און צופֿרידען זיין מיט דער אָרעמקייט. און גליקליך איז יענער, וואָס האָט גאָר נישט אין וויל גאָר נישט האָבען! אַזעלכע וואָס האָבען גאָר נישט זיינען אין חינאַ צו אַללע צייטען געוועזן און די האָבען אין דער בודד־היסטעשער רעליגיאָן טרייסט און גליק געפֿונען.

די רעגירונג האָט באַלד דערקענט, אַז אַזאַ רעליגיאָן קאָנן פֿאַר איהר ניט שאָדליך זיין, און האָט אין יאָהר 65 נ' (ג. תתכ"ו) אַ בעפֿעהל אַרויסגעגעבען, וואָס האָט די בודדהיסטישע לעהרע גלייך געשטעלט מיט קאָנפֿוציוס רעליגיאָן.

באַלד נאָך דער צייט האָט זיך איין פֿאָלק מיט דעם נאָמען „טאַרים״. וואָס איז פֿריהער אונטעריאָכֿט געוועזן אונטער דער מאַכֿט פֿון חינאַ, געוואָלט זיך אָבּרייסען פֿון איהר, אונ דורך דעם איז דאָס לאַנד ווידער אונרוהיג געוואָרען. דער קֵיסר לאָ־טי האָט איינגעזאַממעלט אַ גרויסע אַרמעע אונ האָט, אונטער דער אַנפֿיהרונג פֿון זיין בּע־ריהמטען גענעראַל פּאַן־טשו, זי אַרויסגעשיקט איינשטיללען די מְרִידָה. פּאַן־טשו האָט ניט נור באַלד די מְרִידָה איינגעשטילט, אָבּער ער איז מיט זיין חַיִל אלץ ווייטער אונ ווייטער געגאַנגען, איינגענומען לאַנדער, אונטעריאָכֿט פֿאָלקער אונטער דער הערשאַפֿט פֿון זיין קֵיסר, בּיז ער איז צוגעקומען צו די מִזְרָח בּרעגען פֿון קאַספּישען יָם. די מַעֲרָב בּרעגען פֿון דעם זעלבּען יָם האָבּען דענסטמאָל געהערט צו דער רוימישער אימפּעריאַ. אזוי וויט האָט אין יענער צייט חינאַ איהר לאַנד אונ הֶערר־שאַפֿט פֿערבּרייטעט אויף דער וועלט, אונ אזוי נאָהענט איז זי שוין געוועזן פֿון איין איירעפּאָאישער הערשונג.

דער בּעריהמטער גענעראַל פּאַן־טשו האָט פֿערשטאַנען די וויכֿטיגקייט אין אַ האַנדעלס פֿערבּינדונג אַריינצוגעהען מיט דער רוימישער אימפּעריאַ, אונ האָט געשיקט איינִיגע שְׁלוּחִים קיין רוים דאָרט זיין פּלאַן אויספֿיהרען. אָבּער די וואָס האָבּען בּיז דאַן גרויסע פֿערדינסטען געהאַט, וואָס זיי זיינען תָּמִיד די פֿערמיטלער געוועזן אין האַנדעל פֿון חינעזישע סְחוֹרָה אין רוים, האָבּען מיט אינטריגען געשטאָרט די שְׁלִיחִים זיי זאָללען אין רוים ניט אָנקומען אונ פֿון דעם פּלאַן האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזען.

שפּעטער האָט שוין דער רוימישער קֵיסר מאַרק־אוירעל, אין יאָהר 166 נ', גע־שיקט אַ עקסטראַ שיף מיט שְׁלִיחִים צום קֵיסר פֿון חינאַ צו שליסען מיט איהם אַ האַנדעלס פֿערטראַג, אָבּער צוריקפֿאָהרענד איז די שיף אונטערגעגאַנגען אונ ווידער איז דעם לאַנד נישט בּעשערט געוועזן מיט איירעפּאַ זיך צו בּעקענען.

חובּליי־חַאן. אָדער „די טאַטאַרישע דינאַסטיע״.

אין די לעצטע יאָהרען פֿון דער דינאַסטיע האַן האָבּען זיך ווידער אָנגעהייבּען די אַלטע מִלְחָמוֹת, וואָס זיינען כִּמְעַט פֿינף הונדערט יאָהר שטיל געוועזן. דער זוהן פֿון דעם בּעריהמטען גענעראַל פּאַן־טשונג האָט אַ בּונט געמאַכֿט געגען קיסר אונ האָט בּיי איהם די מְלוּכָה צוגענומען. די אָנהענגער פֿון קיסר האָבּען אָבּער אויך ניט געשוויגען, האָבּען אָבּגעריסען מעהרערע פּראָווינצען אונ געמאַכֿט אויף זיי נאָך אַ קיסר פֿון דער פֿאַמיליע האַן. דאָס איז נאָך ווענִיג געוועזן, האָט זיך אויך אַ צווייטען זוהן, פֿון דעם בּעריהמטען גענעראַל, געוואָלט זיין קיסר, ער האָט ווידער אַ בּונט געמאַכֿט, אָבּגעריסען נאָך איינִיגע פּראָווינצען אונ איז געוואָרען

אַ דריטער קיסר אין לאַנד. 44 יאָהר האָט זיך די מלחמה געצויגען פֿון די ביידע ברידער איינער געגען אַנדערן און ביידע צוזאַמען געגען דעם קיסר פֿון דער פֿאַמיליע האַן. די מלחמה האָט טייכֿען בלוט פֿערגאָסען און דאָס לאַנד אַזוי שוואַך געמאַכֿט, אַז די נאָמאַדען פֿון די סטעפּען האָבען שוין ווידער געקאָנט זייער קאָפּ אויפֿהייבען און האָבען ווידער דעם פֿאָלק פֿיעל שאָדען אָנגעטהון. די אויסגעפֿאָהרענע וועגען, אויף וועלכֿע פֿלעגען גאַנצע קאַראַוואַנען חינעזישע סחורה געהען קיין אינדיען און פֿון דאָרט צוריק, זיינען צוריק פֿערוויסט געוואָרן, און דאָס פֿאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט אַזוי הויך אַרויפֿגעהאָבען אין רייכֿקייט און אין קולטור אַרבייט, האָט צוריק אָנגעהייבען זינקען און פֿאַללען, און די אַללע ערפֿונדונגען, וואָס זיינע געלעהרטע האָבען ערפֿונדען האָבען דורך דעם זיך ניט געקאָנט ענטוויקלען. פֿון יענער צייט אָן (פֿון 260 נ׳) האָבען זיך געביטען אַ קיסר נאָך אַ קיסר, אַ דינאַסטיע נאָך אַ דינאַסטיע, דאָס פֿאָלק האָט שוין מעהר דען קאָפּ ניט אויפֿגעהייבען עס איז ווי איינגעפֿראָרן געוואָרן און די ווילדע פֿעלקער פֿון אַרום האָבען עס זעלבסט מיט רויב און מאָרד ניט געקאָנט אויפֿוועקען, עס זאָלל זיך אויף זיינע פֿיס שטעלען און זיך אָבוועהרען פֿון די וואָס פֿאַללען אָן אויף איהם.

אין יענער צייט זיינען דערווייל די מאָנגאָלישע טאַטאַרען צו אַ גרויס און שטאַרק פֿאָלק אויסגעוואַכֿסען, אַ פֿאָלק פֿון אַ סך שטאַממען און גרויסע גבורים, חאָטש אַם מיינסטען האַלבּ=ווילדע. אין יאָהר 1125 נ׳ (ד׳ תתפ״ה) האָט איין טאַטאַר׳שער שטאַם די בעסטע צוויי פּראָווינצען פּע=טשילי און שען=שי אָבגעריסען פֿאָן חינאַ, און פֿון דאַנען אַ שרעק און אֵימָה געוואָרפֿען אויפֿ׳ן גאַנצען לאַנד. דער קיסר פֿון חינאַ האָט אַפילו דורך גרויסע מַתָּנוֹת געפּועלט ביי דעם מאָכֿט׳יגען מאָנגאָלישען קיסר טשינגיס=חאַן, וואָס איז דער אָבערהעררשער אויך איבער אַללע טאַטאַרען געוועזן ער זאָלל איהם שיקען איין אַרמעע אַרויסצוטרייבען די ניט געבעטענע גאָסט, די טאַטאַרען פֿון זיינע צוויי פּראָווינצען, נור קוים זיינען זיינע סאָלדאַטען צו חינאַ צו געקומען האָבען זיי זיך בעסער אָנגענומען פֿאַר זייערע ברידער די טאַטאַרען, און אַנשטאַט צו שטרייטען געגען זיי, זיינען זיי אַריבער איבער דער גרויסער געמויערטער וואַנד, האָבען זיך באַלד פֿעראייניגט מיט זייערע ברידער, אַריין אין דער שטאָרט פּעקינג און האָבען געהעררשט איבערן גאַנצען לאַנד. שפּעטער האָבען זיי פֿון זיך אַ טאַטאַרישען קיסר אויסגעקליבען, איין עניקעל פֿון טשינגיס=חאַן, וואָס האָט געהייסען: חובליי=חאַן און ער איז געוואָרען קיסר איבער גאַנץ חינאַ. פֿון איהם הייבט זיך אָן די טאַטאַרישע דינאַסטיע, וואָס האָט רעגירט ביז 1368 נ׳ (ה׳ קכ״ט).

אַזאַ קלוגען און אויפֿגעקלערטען קיסר האָבען נאָך די חינעזען אין זייער לאַנד ביז איהם ניט געהאַט. אונגעאַכֿטעט, וואָס ער איז פֿון איין אַנדער פֿאָלק געוועזן, קוים איז ער געוואָרען קיסר פֿון חינאַ, האָט ער נור פֿאַר זיין פֿאָלק גע=

לעבט, דאָס הייסט: פֿאַר אַללע איינוואָהנער פֿונ'ם לאַנד. האָט די טאַטאַרען פֿער־איינינגט מיט די חינעזער, האָט אַללעס געטהון, דאָס דיביידע פֿערוואַנרעטע פֿאָל־קער, וואָס שטאַמען ביידע פֿון די מאָנגאָלען, זאָללען זיך צוזאַמען שמעלצען אונ ווערן איין פֿאָלק. ער האָט געזאָרגט אונ געטהון וואָס ער האָט נור געקאָנט צו פֿערגראָסערן אונ צו דערווייטערן די גרעניצען פֿון חינא, האָט איינגענומען אַללע מאָנגאָלישע האַלב ווילדע פֿאָלקער פֿון אַרום אונ האָט גאַנץ טהיבעט פֿעראיינינגט מיט חינא. ער האָט זיך געשלאָגען מיט סיאַם אונ קאָ־חין־חינא אונ האָט זיי געצוואונגען אָנצונעהמען זיין אויבער הערשונג אונ צאָהלען איהם גרויסע צינזען.

נור מעהר ווי אַלץ האָט איהם דאָס חינעזיש פֿאָלק צו פֿערדאַנקען דעם גרוי־סען קאַנאַל, וואָס ער האָט געלאָזט מאַכען אונ וואָס האָט דעם לאַנד אַזוי פֿיעל נוטצען געבראַכט. דער קאַנאַל איז דער וועלט בעקאַנט מיט דעם נאָמען „קיסר קאַנאַל".

די נידריגע פּראָווינצען פֿון לאַנד, אָדער די טיף־אונ פֿלאַך־לאַנדער פֿון חינא, פֿלעגען זעהר אָפֿט פֿיעל ליידען פֿון אויספֿלייצונגען פֿון איהרע גרויסע טייכען ווי דער האָאַנגהאָ, וואָס פֿליסט אַרוים פֿון די הויכע בערג אין מַעֲרָב אונ געהאַט דורך אין אַ לענג פֿון 4200 קילאָמעטער, ביז ער פֿאַלט אַריין אין ים, וואָס איז אין מִזְרָח חינא. אונ ווי דער האָאַנגהאָ איז אויך דער אי־אַנג־טשע־קיאַנג, וואָס איז נאָך לענגער פֿאַר דעם ערסטען. אויסער דעם זיינען דאָ פֿיעל האַלבערע פּראָווינצען וואָס האָבען גאָר קיין טייכען ניט, אונ דאָס איבערפֿיהרען סחורה פֿון אַנדערע פּראָווינצען צו זיי, אַזוי ווי פֿון זיי צו אַנדערע פּראָווינצען איז זעהר שווער געוועזען. צוליעב דעם האָט זיך דער מסחר אין יענע פּראָווינצען ניט געקאָנט ענטוויקלען. דאָס אַללעס איז דעם קלוגען קיסר חובליי־חאַן אין זינען געלעגען צו פֿערבעסערן, אונ אַנשטאַט וואָס יענער דעספּאָטישער קיסר טשין־שי־הוואַנג־טי האָט דאָס פֿאָלק געצוואונגען די גרוי־סע וואַנד אויסמויערן, דאָס לאַנד צו פֿערשליסען, האָט דער קלוגער מאָנאַרך חובליי־חאַן געלאָזט אַזאַ קאַנאַל מאַכען, וואָס זאָלל אַ אָפֿען אונ בעקוועם וועג מאַכען פֿאַר זיין פֿאָלק, צו פֿאָהרען אונ זיין סחורה איבער צו פֿיהרען אָהן שוועריקייט אונ אָהן גע־פֿאַהר, אונ דער קאַנאַל זאָלל אויך זיינע פֿעלדער אונ דאָרפֿער פֿון פֿערפֿלייצונג פֿער־היטען, פֿון וואָס דאָס פֿאָלק האָט געליטען ביז אַהער.

מעהר ווי 1100 קילאָמעטער די לענג האָט דער קאַנאַל, אָרטערווייז איז ער ברייט פֿון 30 ביז 80 מעטער. אין די נידריגע געגענדען האָט ער מיט צוויי הויכע אַנגעשאָטענע וואַלען, וואָס לאָזען דאָס וואַסער ניט דורך אונ היטען אָב די געגענדען פֿון אַ פֿערפֿלייצונג. דער קאַנאַל, וואָס ער רעכענט זיך פֿאַר דעם גראָסטען אין דער וועלט, פֿעראייניגט אַללע גרויסע טייכען פֿון לאַנד, חוץ דעם פֿערצווייגען זיך נאָך פֿון איהם אין זיין גאַנצער לענג פֿון ביידע זייטען נעבען קאַנאַלען אונ פֿערגרינגערן דעם פֿערקעהר פֿון איין אָרט צום צווייטען.

אויסער די אללע טובות, וואס דאס לאנד האט צו פֿערדאנקען דעם זעלטענעם טאטארישען הערשער, האט ער זיך אלליין אויסגעצייכענט מיט זעלטענע מדות טובות, געוועזן פֿריי געזאנען, האט די געהאריגע אכטונג אבגעגעבען אללע רעליגיאנען, האט אפילו דער קריסטליכער רעליגיאן געשאצט אונ האט קריסטען אריינגעלאזען ניט נור אין לאנד, אבער אויך אין זיין הויף האט ער זיי אויפגענומען אונ האט געטהון, וואס ער האט נור געקאנט דאס חינעזיש פֿאלק אויפצוהייבען אונ איהם גרויס מאכען אין דער וועלט. ער איז געשטארבען אין 1295 נ' (ה. נ"ו) אונ פֿון איהם הייבט זיך אן די מאנגאלישע דינאסטיע „אוען", וועלכע האט רעגירט ביז 1368 (ה. קכ"ט).

זיינע נאכפֿאלגער זיינען אויך אויסגעצייכענטע הערשער געוועזן אונ האבען דעם לאנד פֿיעל טובות געטהון. אבער דעם שטאלצען חינעזישען פֿאלק איז ניט אנגעשטאנען, אז איבער איהם זאלל הערשען א קיסר, הא‏טש א גוטער אונ א געטרייער אבער פֿארט פֿון א פֿרעמדען שטאם, אונ האט ניט נור ניט געאכטעט דעם געשטארבענעם קיסר הובליי-חאן פֿאר אזוי פֿיעל טובות וואס ער האט איהם געטהון, אבער נאך געזוכט אללע מאגליכקייט ווי זיינע נאכפֿאלגער צו פֿערטרייבען אונ זעטצען אויף חינעזישען טהראן א קיסר א געבוירענעם חינעזער. דערפֿאר האבען זיך ווידער אנגעהייבען מלחמות ביז עס האט זיך אבגעזוכט א העלד מיט'ן נאמען טשויוען-טשאנג, וועלכע ראיז ארויס מיט א חיל געגען דעם קיסר טאהא אן-טימור-חאן, א עניקעל פֿון חובליי-חאן אונ האט אבגענומען ביי איהם די מלוכה אונ געווארן אלליין קיסר. אונ ער האט געגרינדעט די דינאסטיע מינג, וועלכע האט רעגירט פֿון 1368 ביז 1644 נ' (ה. קכ"ט ביז ה. ת"ה.

16 קיסר'ן פֿון דער דינאסטיע האבען געהערשט אין חינא, אונ דאס פֿאלק האט זיך צופֿרידען געפֿיהלט. דער 16-טער קיסר שין-טאנג האט שוין ניט אזוי גליקליך געהערשט ווי זיינע פֿארגאנגער.

א מאנגאליש פֿאלק מיט דעם נאמען מאנדזו, וואס האט נאך לאנג נעבען חינעזישער גרעניץ געוואהנט, וואס איז אללע מאל שטיל געוועזן אונ רוהיג געלעבט אונטער דער הערשאפֿט פֿון חינעזישען קיסר, האט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהייבען, האט זיך פֿעראייניגט מיט די טאטארען, ני-או-טזו אונ קהיטאן אונ האט זיך אריינגעחאפט אין דער פּראווינץ לי-אא-טונג, אונ אז דאס חינעזישע רעגירונג האט זיי פֿון דארט געוואלט ארויסטרייבען, זיינען זיי ארויס געגען קיסר אונ נאך אייניגע מלחמות האבען זיי אבגענומען די רעגירונג ביי דער דינאסטיע מינג אונ געזעצט אויפֿ'ן טהראן א מאנדזורישען העלד מיט דעם נאמען שון-טזי אונ ער איז דער ערסטער פֿון דער מאנדזורישער דינאסטיע טשינג, וועלכע הערשט נאך איבער חינא ביז דער לעצטער צייט.

דער מאַנדזורישע דינאַסטיע טשינג 1644 (ה. ת״ה),

דער ערסטער קיסר פֿון דער מאַנדזורישער דינאַסטיע, **וועלכע רעגירט נאָך** איצט אין חינאַ, איז איין אויסגעצייכענטער הערשער געוועזן און האָט אויסער גוטע אָרדנונג אין מְדִינָה בעזאָנדערס געזוכט צו פֿערברייטערן דעם מִסְחָר פֿון לאַנד. אין זיינע צייטען זיינען רוסישע סוֹחֲרִים צום ערסטען מאָל געקומען האַנדלען מיט חינאַ. זיין זוהן קהאַנג=הי, וואָס איז קיסר געוואָרן אין יאָהר 1662, איז אַ בעריהמטער העלד געוועזן און האָט ווידער פֿעראייניגט אַללע טאַטאַרישע שטאַמען מיט חינאַ, און צוגענומען אין גאַנצען די מְדִינָה טהיבעט צום לאַנד. אין זיין צייט זיינען שוין קריסטליכע קאַטאָלישע מיסיאָנערן אין חינאַ געוועזן אויסצובּרייטען דאָס קריסטענטהום צווישען די חינעזער, און דער קיסר האָט זיי אין דעם געשטיצט. פֿון דער מלחמה וואָס ער האָט געפֿיהרט געגען רוססלאַנד איז אַרויס אַ שלום, וואָס האָט די ביידע גרויסע לאַנדער מיט אַ פֿריינדשאַפֿט פֿערבונדען ביז דער לעצטע צייט.

אין די לעצטע יאָהרען פֿון זיין רעגירונג האָבען שוין די ענגלענדער און פֿראַנצויזען גרויסע געשעפֿטען געהאַט אין קאַנטאָן און אין גאַנצען אומגעגענד פֿון קאַנטאָן.

נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן יאָנג=טשי פֿון 1722 ביז 1735. ער איז שוין ניט גלייך געוועזן צום פֿאָטער און האָט שוין אָנגעהייבען פֿערפֿאָלגען קריסטען וואו ער האָט געקאָנט. אָבער דער בעריהמטעסטער פֿון דער מאַנדזורישער דינאַסטיע איז דער 4=טער קיסר פֿון דער פֿאַמיליע, וואָס האָט רעגירט פֿון 1736 ביז 1796 און האָט זיך גערופֿען קהיאָן=לאַנג. אויסער וואָס ער איז אַלליין אַ האָכסט געבילדעטער מענש געוועזן און האָט אַלליין פֿיעל פּאָעטישע ביכער פֿערפֿאַסט, האָט ער געשטיצט די ליטעראַטור אין לאַנד און האָט געוואָרגט, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָלל קאָנען לעזען און שרייבען און ווערן אַ געבילדעט פֿאָלק. אין פּעקין האָט ער געמאַכט אַ קייזערלי[illegible]ע ביבלאָטעקע, וואו ער האָט צוזאַמענגעקליבען ביז הונדערט אַכציג טויזענד ביכער, וואָס האָבען אין דער גאַנצער חינעזישער געשיכטע צייט די בעסטע שרייבער און פֿילאָזאָפֿען אַ מאָל געשריבען. ער האָט געלאָזט שרייבען ווערטערביכער און לאַנדקאַרטען פֿון לאַנד, און האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט די פֿריינדשאַפֿט צווישען חינאַ און רוססלאַנד. צו קריסטען איז ער אפילו ניט גוט געוועזן, אָבער ניט פֿון פֿיינדשאַפֿט צום קריסטליכען גלויבען, אָבער פֿון פּאָליטישע אורזאַכען: ער האָט פֿאָרגעזעהן אַז דאָס לאַנד קאָנן דורך דעם פֿיעל פּאָליטישע פֿערוויקלונגען האָבען. אין זיין צייט איז דער ענגלישער לאָרד מאַקאַרטניי געקומען קיין חינאַ, אין דעם נאָמען פֿון זיין רעגירונג צו מאַכען האַנדעל פֿערטראַג צווישען ענגלאַנד און חינאַ, ער האָט אָבער ניט פּועל געוועזן, און געמוזט צוריקפֿאָהרען קיין ענגלאַנד שטאַרק אונצופֿרידען.

נאָך איהם האָט געהערשט זיין זוהן קיאַ=קינג, אַ שוואַכלינג, וואָס האָט זיך

נור איבערגעגעבען צו וועלטליכֿע פֿערגניגען. זיין רעגירונגס צייט איז געווען זעהר אַ שווערע פֿאַר חינאַ און בעזאָנדערס פֿאַר דער מאַנדזושרישע דינאַסטיע.

די אַמאָליגע איינוואָהנער פֿון חינאַ, נאָך איידער די חינעזען האָבען זיך דאָ בעזעצט, וועלכֿע זיינען פֿון די ערסטע חינעזער פֿערטריבען און צושפּרייט געוואָרען צווישען די בערג און זיינען בעקאַנט געווען מיטן נאָמען מיאָ-טשו, האָבען פּלוצלונג מאַכֿט בעקומען און האָבען אַ געפֿאָהרליכֿען בונט געמאַכֿט. דער קיסר האָט זיך געפֿיהלט צו שוואַך זיי איינצונעהמען, האָט ער זיך אויסגעקויפֿט דורך גרויסע סוממען געלד, וואָס ער האָט זייערע אַנפֿיהרער געגעבען. קוים איז דאָס לאַנד רוהיג געוואָרן פֿון דעם מיאָ-טשו אויפֿשטאַנד, האָט זיך אָנגעהייבען אַ נייער בונט. אַ געהיימע געזעללשאַפֿט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבען פּע-לי אַן-קיאַא (די ווייסע וואַסערליליע) אונטער דעם אַנפֿיהרער זאָן-האַאַנג, אָדער דער „דריי-פֿאַכֿער קיסר", מיט דעם צוועק אַראָבצוזעטצען דעם קיסר פֿון דער מאַנדזור דינאַסטיע, האָט מיט אַ גרויסער מאַכֿט זיך געלאָזט געהן קיין פּעקינג, און האָט דערווייל איינגענומען די פּראָווינצען שאַנטינג און פֿיעל אַנדערע. אַכֿט יאָהר נאָך איינאַנד האָט זיך די אינערליכֿע מלחמה געצייגען און פֿיעל בלוט איז פֿערגאָסען געוואָרן פֿון ביידע זייטען. אין דער בלוטיגער צייט, ווען די מלוכה איז פֿערנומען געווען אין שטאַנדיגע מלחמות מיט די רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך דערווייל צוזאַמענגעקליבען אַ באַנדע פּיראַטען (ים רויבער) ביז 70 טויזענד מאַנן, מיט 800 דזאָנקען, (אַזעלכֿע קריגסשיפֿען) און איבער טויזענד קלייגע שיפֿלעך, וואָס האָבען געראַבט אייגענע און פֿרעמדע שיפֿען, און אויך אַללע האַפֿען שטאָדט צו פּלינדערט, געטויטעט, פֿערברענט און וויסט געמאַכֿט. די קיסרליכֿע פֿלאָטע, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרען געגען זיי, האָט מיט זיי גאָר נישט געקאָנט מאַכֿען, זיי זיינען שטאַרקער און בעסער אָרגאַניזירט געווען פֿאַר דער קיסרליכֿער אַרמעע. די רעגירונג האָט געמוזט די אַנפֿיהרער פֿון דער באַנדע, גרויסע סומען בעצאָהלען, זיי זאָללען ווענינגסטען צו רוה לאָזען אייגענע אונטערטהאַנען און זיך בעגנוגען מיט דעם רויב פֿון פֿרעמדע שיפֿען, וואָס האָבען אין די לעצטע צייטען אָנגעהייבען קומען קיין חינאַ אַזוי אָפֿט. דורך דעם איז דער מסחר פֿון אייראָפּאַ מיט חינאַ אין גאַנצען געשטאָרט געוואָרען. ערסט אין יאָהר 1810 האָט די באַנדע פּיראַטען אויפֿגעהאָרט צו עקזיסטירן.

צו די אַללע אומשטאָנדען איז אין דער רעגירונגסצייט געווען אַ הונגער אין לאַנד, פֿערפֿלייצונגען האָבען אין פֿערשידענע פּראָווינצען דערטרונקען שטאָדט און דערפֿער, און דאָס פֿאָלק האָט די אַללע אונגליקען אָנגענומען פֿאַר אַ שטראָף פֿון די גייסטער איבער די שלעכֿטע און זינדיגע רעגירונג פֿון דעם קיסר. אַללע מאָל איז די שׂנאה צו איהם שטאַרקער געוואָרן, ביז ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען אין מיטען וואַלד וואו ער איז אויף אַ געיאָג געווען. ווי עס ווייזט אויס, זאָגט די חינעזישע

געשיכטע, האָבען איהם זיינע אייגענע לייט דאָרט דאָס לעבען גענומען.

נאָך איהם איז אַרויף אויפ'ן טהראָן מינאָ-קואַנג. (גלאַנץ פֿון פערנונפֿט) אַ זוהן פֿון מיאַן-נינג אויך פון דער אייגענער מאַנדזורישער דינאַסטיע. ער איז שוין פיעל בעסער געוועזן פאַר דעם פאָריגען קיסר. אָבער די אונאָרדנונגען אין לאַנד, וואָס האָט איהם בירושה געלאָזען דער פאָריגער קיסר, זיינען אַזוי פיעל געוועזן, אַז מיט אַללע זיינע אָנשטרענגונגען די לאַגע צו פערבעסערן, האָט ער נור עפּיס פערבעסערט. צום קריסטענטהום איז ער נאָך שטרענגער און אֶרגער געוועזן. נאָך פֿון יאָהר 1720 האָבען שוין די ענגלענדער גרויסע געשעפטען געהאַט אין קאָנטאָן, די פערדינסטען פֿון דעם האַנדעל זיינען געוועזן אַזוי גרויס, אַז עס האָט די ענגלענדער געלוינט אַללע פערפאָלגונגען אַלס קריסטען אַריבער צו טראָגען אַבי מען לאָזט זיי האַנדלען. אונטער דער רעגירונג פֿון דעם קיסר האָבען שוין זיינע פערפאָלגונגען אויך דעם מִסְחָר אָנגעהייבען שאַדען, און ענגלאַנד איז געצוואונגען געוועזן צו שיקען ווידער אַ געזאַנדטען אויסווירקען ביי דער חינעזישער רעגירונג האָטש פיעל וועניג פערבעסרן די לאַגע צו ליעב דעם האַנדעל. דער געזאַנדטער האָט אָבער אויך ניט געפועלט. די רעגירונג האָט אפילו פערשבראָכען צו פערבעסרן די לאַגע, נור אַנשטאָט צו פערבעסערן האָט זי נאָך אֶרגער געמאַכט, און מען קאָן ניט זאָגען, אַז זי איז אין גאַנצען אונגערעכט געוועזן.

די מלחמה מיט ענגלאנד אין יאהר 1840.

דער הויפט מסחר פֿון די ענגלענדער אין חינאַ איז בעשטאַנען פֿון דעם אָפּיום, וואָס זיי פלעגען ברענגען אַהער פֿון אינדיען. פריהער האָבען די חינעזער ניט געוואוסט פֿון אָפּיום, די ענגלענדער האָבען זיי געלערנט דעם אָפּיום געברויכען צום רויכערן, און דאָס פאַלק האָט זיך דערצו צוגעוואָהנט. די שאַדען אָבער, וואָס דאָס אָפּיום רויכערן מאַכט, זיינען באַלד דער רעגירונג בעקאַנט געוואָרן און זי האָט זיך מיה געגעבען דורך בעזונדערע געזעצע דאָס אָפּיום רויכערן אויסצופיהרען פֿון לאַנד. די אַללע געזעצע האָבען ניט געהאָלפען; דאָס פאָלק אין די האַפען-שטאָדט איז שוין צו דעם געוואָהנט געוועזן און ביי'ם בעסטען ווילען צו פאָלגען דעם קיסרליכען בעפעהל, האָבען די רויכערער זיך ניט געקאָנט אָבגעוואָהנען. די רעגירונג איז געצוואונגען געוועזן צו פערבאָטען אַריינפיהרען אַזאַ שאֶדליכע סחורה אין לאַנד, נור דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. עס האָט זיך אָנגעהייבען אַ שמוגעל-געשעפט: מען האָט אַלס קאָנטערבאַנד דעם אָפּיום אַריינגעפיהרט נאָך מעהר ווי פריהער, נור אַנשטאָט וואָס פריהער האָט די רעגירונג דערפֿון אַ געוויסען אָבצאָהל גענומען און דער אָפּיום

איז אין לאנד טהייער געוועזן, האט איצט די רעגירונג פון דעם גאר נישט געהאט אונ דאס רויכערן איז נאך פיעל מעהר פערברייטערט געווארן צווישען פאלק. דאס האט שוין די רעגירונג ניט געקאנט שווייגען אונ האט א בעפעהל ארויסגעגעבען צו קאנפיסקירען דעם גאנצען אפיום, וואס געפינט זיך אין לאנד אונ פערניכטען. אויף דעם בעפעהל האט מען ביי די ענגלענדער צוגענומען 29 טויזענד קאסטען אפיום, וואס האט בעטראפען איבער 40 מיליאן רובל. אודאי האבען די ענגלענדער אויף אזא שאדען ניט געקאנט שווייגען אונ האבען פערלאנגט פון דער רעגירונג זי זאלל בעצאהלען פאר'ן שאדען, די רעגירונג האט ניט געאנטפערט. דערצו האט זיך נאך געמאכט, דאס ביים קאנפיסקירען א גרויסע פארטהי אפיום ביי איין ענגלענדער איז א חינעזישער בעאמטער געטוידט געווארן, די חינעזער האבען פערלאנגט מען זאלל דעם מארדער ארויסגעבען אונ די ענגלענדער האבען עס ענטזאגט; דערפאר האט מען א חרם געמאכט, אז קיין חינעזער טהאר קיין קריסט איבערהויפט, אונ קיין ענגלענדער בעזאנדערס, קיין שפייז אונ קיין געטראנק פערקויפען. די ענגלענדער זיינען דורך דעם געצוואונגען געוועזן זיך צו זעטצען אויף זייערע שיפען אונ ענטלויפען. דער גובערנאטאר פון לין האט א בעפעהל ארויסגעגעבען צום פאלק: מען זאלל די שיפען דערטרענקען, אונ דער חינעזישער אדמיראל קואנג האט צוזאמענגענומען א פלאטע פון 29 דזאנקען אונ איז ארויס דעם 28=טען פעברואר 1840 אונ האט אנגעהייבען באמבארדירען די ענגלישע שיפען. די ענגלענדער האבען אבער געאנטפערט מיט שטארקערן פייער אונ ער האט געמוזט צוריק אוועק. דאס האט אבער געבראכט דער צו, אז די חינעזער האבען זיך נוקם געוועזן אן אנדערע קריסטען, וואו זיי האבען נור אין לאנד געפונען. ענגלאנד איז געצוואונגען געוועזן חינא איין אפענע קריג צו ערקלערן. דעם 28=טען יוני אין זעלבען יאהר איז געקומען דער אדמיראל עליאט מיט א פלאטע און האט בלאקירט די חינעזישע ברעגען אונ די מלחמה האט זיך אנגעהייבען. ענגלאנד האט געזיעגט אומעטום אונ אונגעאכטעט דארויף וואס איהר פלאטע האט שוין איינינע פראווינצען פערנומען, האט זי חינא פארגעלייגט פריעדען אויף זעהר לייכטע בעדינגונגען. חינא האט עס פלומרשט אנגענומען, אבער באלד ווי זי האט נור צייט געהאט צו שאפען זיך א נייע ארמעע, האט זי דען פריעדען געבראכען אונ די מלחמה האט זיך ווידער אנגעהייבען. נור דאס מאל האט זיך שוין ענגלאנד ניט אויפ'ן ים נור אויך אויף דער יבשה, געשלאגען. דער ענגלישער גענעראל סיר האאוג גאאוגה האט מיט א קליינער ארמעע צושלאגען, ניט ווייט פון קאנטאן, א חינעזישען קארפוס, וואס איז בעשטאנען פון 50 טויזענד מאנן, וועהרנד די ענגלישע פלאטע האט דערווייל אללע חינעזישע שיפען פערברענט. אזוי האט ענגלאנד אלץ ווייטער געזיעגט אונ איינגענומען איין שטאדט נאך דער אנדערער, ביז דעם 13=טען יוני האט זי צוגענומען די שטארקסטע חינעזישע פעסטונג, צו יענער צייט, מיט איין גרויסע

אַרמעע אונ 250 אַרמאַטען. אין דעם 19=טען יוני זיינען שוין די ענגלישע סאָלדאַטען אַריין אין שאַנגהאַי.

איצט האָט שוין די חינעזישע רעגירונג פֿרידען געבעטען. דעם 20=טען אויגוסט האָט דער קיסר דעם פֿרידענס אַקט אונטערשריעבען אונ לויט נאָך דעם אַקט האָט מען ענגלאַנד פֿערזיכערט פֿריי צו האַנדלען אין דער פּראָווינץ קאַנטאָן, אַמאָי, פֿוטשעו=פֿו, נינג=פּאָ אונ שאַנג=האַי. האָנג קאָנג האָט חינאַ אין גאַנצען אָוועקגעגעבען צו ענגלאַנד, אונ חוץ דעם האָט זי געמוזט ענגלאַנד בעצאָהלען 20 מילליאָן דאָללאַר שאָדען.

באַלד נאָך דעם האָט אויך אַמעריקאַ אויסגעווירקט די חינעזישע רעגירונג זאָלל מיט איהר אויך אַזאַ האַנדעלס אַקט מאַכען אונ דערנאָך אויך פֿראַנקרייך. הויפּט=זיכליך איז געפּועל'ט געוואָרען: די קריסטליכע רעליגיאָן זאָלל פֿאָללינע פֿרייהייט האָ=בען אונ זאָלל מאָגען בויען אייגענע קירכען אונ מיסיאָנערן שיקען. דער קיסר טאַאָ קיאַנג איז געשטאָרבען דעם 24=טען פֿעב' 1850 אונ די רעגירונג איז איבערגעגאַנגען צו זיין זוהן היען=פֿאָנג.

רעוואָליציאָן פֿון דער סעקטע טהאַי=פּינג.

אין דער רעגירונגס צייט פֿון היען=פֿאָנג האָט דאָס לאַנד נאָך מעהר געליטען ווי פֿריהער. דער פֿרידענס=אַקט, וואָס דער געשטאָרבענער קיסר האָט אונטערגעשריבען מיט ענגלאַנד, אַמעריקאַ אונ פֿראַנקרייך, האָט דאָס פֿאָלק ערביטערט אויף דער מאַנדזו=רישע דינאַסטיע, גלייך ווי די דינאַסטיע וואָלט בּאֱמֶת שולדיג געוועזן, אַז זי האָט דאָס לאַנד פֿערראַטהען. פֿערשידענע געהיימע סעקטען אונ געזעלשאַפֿטען האָבען זיך אויפֿ=געערדט, אַראָב צו וואַרפֿען דעם הערשער פֿון דער דינאַסטיע. אַ געוויסען הונג=זי=טשון, וועלכער איז אין 1813 געבוירען געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן אונ איז אַ צייט לעהרער גע=וועזן אין אַ דאָרף=שוהלע, האָט זיך פֿאַרוואָלט מאַכען אַ נייע רעליגיאָן פֿאַר זיינע לאַנדסלייט. ער האָט אָפּילו פֿיעל געלעזען אונ נאַכגעדענקט וועגען דעם אונ עס איז ביי איהם געבליבען אויסצואַרבייטען אַ נייע רעליגיאָן ווי ער פֿערשטעהט. ער האָט פֿון בודדהיזם אונ קריסטענטהום נאָך מיט אייגענע פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען אָנגעהויבען צו פּרעדיגען אַ נייע רעליגיאָן אין חינאַ. זיינע אַנהאָנגער האָבען זיך געמוזט ענטזאַגען פֿונ'ם אָפּיום רויכערן, פֿון צו פֿיעל עסען אונ טרינקען אונ זיך איבערגעבען מיט'ן גאַנצען לעבען צו איהם. „טהאַי=פּינג" האָט ער זיין נייע סעקטע אַ נאָמען געגעבען, דאָס הייסט: „אַ געזעלשאַפֿט פֿון גלייכע רעכטע". גאָר אין אַ קורצער צייט האָט זי מעהרערע טויזענד אַנהענגער ערוואָרבען, אונ חאָטש די רעגירונג האָט שוין געמאָנט

אַ מאָל קלוג ווערן צו פֿערשטעהן ווי געפֿאָהרליך עס ווערן זעהר אָפֿט די געהיימע סעקטען אין לאַנד, אונ חאָטש עס איז שוין ניט מאָגליך געוועזן, אַז די געהיימע סעקטע זאָלל פֿון דער רעגירונגס זייט אונבעמערקט בלייבען, האָט זי זיך אַלץ געמאַכט ניט בעמערקענדיג ווי די סעקטע טהאַי=פינג וואַקסט אונ וואַקסט. אזוי פֿיהרט זיך איבריגענס די חינעזישע רעגירונג מיט איהרע געהיימע סעקטען שטאָנדיג, שטאָרט ניט זייער ענטוויקלונג כל זמן זיי טרעטען ניט אַרויס אָפֿען געגען איהר. באַלד אָבער האָט די סעקטע טהאַי=פינג זיך אַרויסגעוויזען ווי געפֿאָהרליך זי איז. שוין אין אויגוסט 1851 האָט די סעקטע צוגענומען די שטאָדט יונ=אַן, אונ אין סעפטעמבער דעם זעלבען יאָהר האָט זיך דער אַנפֿיהרער הונג=זי=טשוע זיך געמעלדעט פֿאַר קיסר פֿון גאַנץ חינאַ מיט דעם נאָמען „טהיען=טזי“: דער זוהן פֿון הימעל, אָדער „טהיען=וואַנג“ דער הימעלס קאָניג. זיין דינאַסטיע האָט ער געהייסען רופֿען: „טהאַי=פינג“, באַלד דאַרויף איז ער אַרויס מיט איין אָפֿענע קריג געגען דער קיסרליכער אַרמעע אונ האָט איינגענומען די פּראָווינצען שטאָדט: יאָ=שאַן אונ יאַן=טשי, קיאַנג אונ נאָך אַנדערע מעהרערע פּראָווינצען. דעם 19 פֿעברואַר 1853 האָט ער איינגענומען נאַנקינג אונ האָט דעם גאַנצען טאַטאַרישען גאַרניזאָן, מיט ווייבער אונ קינדער, איבער 20 טויזענד מענשען אויסגעטוידט. האָט די שטאָדט אַ נאָמען געגעבען „טהיען=קינג“: הימעלס רעזידענץ אונ בעזעצט זיך אין איהר ווי אין זיין הויפט שטאָדט. ביי דעם שטורם פֿון נאַנקינג איז צובראָכען געוואָרען דער וועלט בעריהמטער פּאָרצעלאַן טהורם וואָס האָט ערגעץ צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט.

וואָס ווייטער איז ער אַלץ שטאַרקער געוואָרן אונ ער וואָלט געוויס געקאָנט אויספֿיהרען צו פֿעריאָגען דעם קיסר אונ זיך אָנטהון די קרוין פֿון גאַנץ חינאַ. נור ער האָט שוין צו פֿיעל זיך איבערגענומען מיט זיין הַצְלָחָה, האָט זיך אַריינגעלאָזען אין פֿערגניגען אונ ליידענשאַפֿט. איז שוין אַלליין מיט זיין אַרמעע אין מלחמה ניט מיטגעגאַנגען, האָט נור בעפֿעסטיגט זיין הויפּטשטאָדט אונ געלאָזט זיין חַיִל שטרייטען אָהן איהם. זיין אַרמעע האָט אֲפִילוּ געזיעגט אומעטום, אָבער אומעטום וואו זיי זיינען נור געקומען האָבען זיי גערויבט, געטוידט אונ געברענט, אונ אַזוי איז שוין כִּמְעַט מעהר ווי העלפֿט לאַנד אין זייער האַנד געוועזן. אַזוי האָט זיך געצייגען מעהר ווי צעהן יאָהר ביז נאָך אַ צווייטעם מאָל שָׁלוֹם שליסען מיט ענגלאַנד אונ פֿראַנקרייך איז מאָגליך געוועזן פֿון דער סעקטע טהאַי=פינג איין ענדע צו מאַכען. דעם 19 יולי 1864 איז טהאַי=פינג אָדער טהיען=וואַנג געצוואונגען געוועזן איבער געבען זיין הויפּט=שטאָדט דעם ענגלישען מאַיאָר גאָרדאָן, וועלכער האָט קאָמאַנדירט מיט דער קיסר=ליכער אַרמעע. נור עהדער די אַרמעע איז אַריין אין שטאָדט האָט ער נאָך צייט געהאַט צו פֿערברענען די אַללע אָנגערויבטע אוצרות, זיינע ווייבער אונ זיך אַלליין

איך. מיט זיין טוידט האט אָבער די סעקטע ניט אויפגעהאָרט און נאָך לאַנג האט דער רעגירונג מיה, געלד און בלוט געקאָסט ביז זי איז פון איהר בעפרייט געוואָרן.

די מלחמה מיט ענגלאנד און פראנקרייך אין 1858 ביז 1861.

אין דער טרויעריגער צייט, ווענן חינאַ האט אַזוי פיעל צו טהון געהאַט מיט דער געפֿאָהרליכער סעקטע טהאַי=פינג, איז זיא נאָך דרייסט געוועזן צו צוברעכען דעם פרידענס אַקט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, און האט ווידער אָנגעהייבען קרי=סטען צו פערפאָלגען און דעם אָפענעם מסחר צו שטערן. ענגלאַנד וועגען איהר מסחר און פראַנקרייך, וואָס האט שטאָנדיג געשיצט די קאַטאָלישע מיסיאָנערן אין חינאַ, האָבען זיך דאָס מאָל פעראייניגט און ווידער חינאַ אַ קריעג דערקלערט. אָנגע=הייבען האט זיך דערפון: די חינעזער זיינען פלוצלונג אָנגעפאַללען אויף אַ קאַטאָלישען מיסיאָנער און האָבען איהם מיט גרוים אַכְזָריות געטוידט. צו דערזעלבער צייט האט דער חינעזישער וויצע קאָניג פון קאַנטאָן געהייסען פערהאַלטען איין ענגלישע שיף, וועלכע האט געהאַט אויף זיך די ענגלישע פאָהן און האט ענגלישע פאַפּיערן געפיהרט. ער האט פערלאַנגט איין אונגעהיירע סוממע פאַר דעם, וואָס ער וועט זי צולאָזען צום ברעג, 12 ענגלישע מאַטראָסען פון דער שיף האט ער ערקלערט פאַר פיראַטען און האט זיי געפיינ.גט אין געפאַנגניס, ענגלאַנד האט זיך דורך דעם בעלע=דיגט געפיהלט און ניט געקאָנט פערשווייגען. אַוַדאי האט מען זיך געפרובט מיט גוטען, נור אַז דער וויצע קאָניג האט אויף דאָס ענגלישע פערלאַנגען צו בעפרייען די שיף און מאַטראָסען, ניט געאָנטפערט, האט דער ענגלישער קאָנטער אַדמיראַל סיימבור בעלאַגערט דעם פאָרט ביים באָקקאַ=טיגריס, און דעם ערסטען נאָוועמבער 1856 האט ער אָנגעהייבען צו באָמבאַרדירן קאַנטאָן. נור דאָס איז נאָך אַלץ אַ פּראָבע געוועזן. די חינעזישע רעגירונג האט זיך ניט אונטערגעגעבען און די מלחמה האט געמוזט אָנהייבען, דורך פערשידענע אורזאַכען האט ענגלאַנד געקאָנט צו שטעלן איהר חיל ערסט אין אָקטאָבער 1857. אין גאַנצען האט ענגלאַנד מיט פראַנקרייך צוזאַמען קוים איין אַרמעע געהאַט פון 10 טויזענד מאַן, דאָס האט דער וויצע קאָניג פון קאָנטאָן געוואוסט און האט אויסגערעכענט, אַז איהם וועט ניט שווער זיין מיט זיין אַרמעע, וואָס איז בעשטאַנען פון האָבער ווי 30 טויזענד מאַנן, צו צושלאָגען דעם אייראָפּאָאישען חיל. אויפן לעצטען אולטומאַטום פון ענגלאַנד און פראַנקרייך צו=זאַמען האט ער ניט געאָנטפערט. די אייראָפּאָאישע אַרמעע האט באַלד צושלאָגען די חינעזישע 30,000 סאָלדאַטען און האָבען בעזעצט באַלד דעם אינזעל האָ=נאַן, וואָס איז גענען קאָנטאָן. דעם 26=טען דעצעמבער זיינען שוין די אייראָפּאָער אַריין אין קאָנטאָן.

דעם 5־טען יאַנואַר 1858 האָבען זיי געפֿאַנגען דעם קאָנטאָנער וויצע קאָניג פו־קו־איי אונ אַלס קריעגס געפֿאַנגענעם אין קאַלקוטאַ פֿערשיקט. אויך דעם הויפּט קאָמאַנדיר פֿון דעם חינעזישען חיל האָבען זיי געפֿאַנגען גענומען. די פֿאָרשטעהער פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, רוססלאַנד אונ אַמעריקאַ האָבען נאָך אַמאָל געפּרובט פֿאָרלעגען דעם קיסר אין פּעקינג אַ פּראָיעקט ווי פֿרידען צו מאַכען, אָבער אויף דעם פּראָיעקט איז דער קיסר ניט בעשטאַנען אונ די מלחמה האָט זיך געמוזט ווייטער ציהען. דעם 20־טען מאַי איז די ענגליש־פֿראַנצאָזישע פֿלאָטע צונעקומען צום פֿאָרט טאַקו, געבאָמבאַרדירט אונ צובראָכען עטליכע פֿאָרטען, אונ דעם 26־טען האָט דיא פֿעראייניגטע פֿלאָטע איינגענומען טיען־דזין. ערסט איצט האָט זיך דער קיסר אַרומגעזעהן אונ געבעטען פֿרידען, אונ אַזוי ווי די אייראָפּאָאישע מאַכטע האָט זיך קיין מלחמה אין גרונד ניט געוואָלט זיינען זיי בעשטאַנען אויף שָׁלום מיט דער בעדינגונג, אַז טיען־דזין זאָלל ווערן אַ פֿריישטאָדט פֿאַר אַללע מאָכטע צו האַנדלען אין איהר, אונ דאָסס די אייראָפּאָאישע געזאַנדטע, דאָס הייסט: די פֿאָרשטעהער פֿון די אייראָפּאָאישע מְלוכות זאָללען מאָגען קומען אין פּעקינג אונ צוגעלאָזען ווערן צום קיסר ווענן זיי ווילען בריכען מיט איהם וועגען פּאָליטישע אַנגעלעגענהייט פּערזאָנליך רעדען. פֿאַר די קריעגס קאָסטען האָבען זיי נור 4 מיליאָן דאָלאַר פֿערלאַנגט. דער קיסר האָט איינגעוויליגט אונ עס איז ווידער שלום געוואָרן. צו דערזעלבער צייט האָט אויך רוססלאַנד אַזאַ אַקט מיט חינאַ געשלאָססען, אַז חינאַ גיט איבער צו רוססלאַנד איהר שטיק לאַנד, וואָס זי האָט אויף דער לינקע זייט פֿון טייך אַמור.

נור חינאַ האָט מיט דעם שָׁלום ניט ערנסט געמיינט. שטילערהייד האָט זי זיך אָנגעהייבען גרייטען צו אַ נייער קריעג מיט אייראָפּאַ אונ האָט דערווייל אַלץ אָבגעצייגען צו ערפֿילען די פּונקטען פֿון פֿרידענס אַקט. גאָר ניט געריכט, האָט מען דעם 21 יוני 1859 אָנגעהייבען צו באָמבאַרדירען די ענגליש־פֿראַנצאָזישע פֿלאָטע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויפ'ן טייך פּיי־האָ. ערסט איצט האָט ענגלאַנד מיט פֿראַנקרייך בעשלאָסען: איינמאָל פֿאַר אַללע מאָל צו בעווייזען דער האַרט־נאָקיגער רעגירונג, אַז זי ברויך וויסען מיט וועמען זי האָט צו טהון, אונ ניט אויפֿהאָרן די מלחמה ביז מען וועט דעם קיסר איבער צייגען ווי שוואַך זיין פֿאָלק אונ לאַנד זיינען געגען איין אייראָפּאָאישער מאַכט בייצושטעהן. דעם 18־טען מאַי 1860 זיינען שוין 18 טויזענד מאַן ענגלישע סאָלדאַטען געוועזן אין חינאַ וועהרנד די ענגליש־פֿראַנצאָזישע פֿלאָטע אַלליין איז בעשטאַנען פֿון 200 שיפֿען. די פֿראַנצאָזען האָבען 9000 מאַנן געהאַט מיט וועלכע עס האָט קאָמאַנדירט דער פֿראַנצויזישער גענעראַל קוזין מאָנטאַבו. באַלד האָבען זיי ווידער גענומען דעם פֿאָרט טאַקו אונ וואָס ווייטער אַלץ נאָהנטער געקומען צו פּעקינג. די חינעזישע רעגירונג האָט געוואָלט צייט געווינען אונ האָט ווידער געבעטען פֿריעדען, נור איצט האָבען שוין די אייראָפּער דאָס צוטרויען פֿערלאָרן אונ

האָבען געשלאָסען די מלחמה ביז'ן סוף צו פיהרען. ניט לאַנג נאָך דעם איז שוין די אייראָפּאָאישע אַרמעע אין פעקינג אַריין. 3 טאָג נאָך איינאַנד האָבען די פראַנצאָזישע סאָלדאַטען געראַבּט אונ געפּלינדערט דעם קיסרליכען זומער פּאַלאַסט אונ די טהייערסטע כלים אונ ציערונג זיך צוגענומען, ענגלאַנד האָט זיך צו דעם ניט צוגעריהרט. ווי עס פערשטעהט זיך, איז דער קיסר מיט זיין הויף פון פעקינג אנטלאָפען. אויף אַזוי פיעל האָט ער זיך ניט געריכט אונ האָט באַלד אָנגעהייבען בעטען פרידען. די אייראָפּאָער האָבען די בעדינגונגען אויסגעשטעלט, ערסטענס: זאָללען אַללע אייראָפּאָאישע מאַכטע מאָגען פריי האלטען זייערע פאָרשטעהער אין פעקינג אונ זאָללען דאָרט מאָגען האַלטען אַ בעשטימטע צאָהל סאָלדאַטען יעדער פון זיין לאַנד, וואָס זאָל זיי בעשיצען. חינאַ זאָלל בעצאָהלן פאַר אַללע שאָדען וואָס זי האָט די אייראָפּאָער געמאַכט, אונ דריטענס: זאָל זי טאַקי באַלד ערפיללען אַללע פונקטען פונ'ם פריהרסטען אַקט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרן דעם 27-טען יוני 1858 אונ בעצאָהלען 16 מיללִיאָן דאָלאַר קאָנטריבוציע ענגלישער אונ פראַנצאָזישער רעגירונג פאַר קריעגס קאָסטען. חוץ דעם האָט זי צו בעצאָהלען ביז אַ מיללִיאָן דאָללאַר פאַר די אונשולדיגע געפאַנגענע מאַטראָסען, וואָס דער וויצע קאָניג פון קאַנטאָן האָט אַרעטירט אונ ביז'ן טוידט געפּייניגט. דעם 18 אַקטאָבער 1860 האָט לאָרד עלגין געלאָזט פערברענען דעם קיסערליכען פּאַלאַסט יוען-מינג-יוען, אַלס שטראָפע דעם חינעזישען קיסר, וואָס ער האָט מסכים געווען מען זאָל די אייראָפּאָאישע געפאַנגענע פייניגען ביז'ן טוידט.

דעם 26-טען אָקטאָבער האָט דער קיסר אונטערשריבען דעם פרידען אַקט אין דער שטאָדט יע-האָ וואָהין ער איז אנטלאָפען, בעת די אייראָפּאָער האָבען פעקינג בעלאַגערט. דעם 10-טען נאָוועמבער זיינען די אייראָפּאָאישע סאָלדאַטען ארוים צוריק פון פעקינג, אונ אין מאָרץ 1861 האָבען זיך אין פעקינג בעזעצט צום ערסטען מאָל די פאָרשטעהער פון ענגלאַנד אונ פראַנקרייך, אונ דער שלום האָט זיך שוין געהאַלטען.

צו דער צייט האָבען די אייראָפּאָאישע סאָלדאַטען צוזאַמען געשטריטען מיט דער קיסרליכע אַרמעע געגען דעם אַנפיהרער פון דער סעקטע טהאַי-פינג אונ האָבען דאָס לאַנד בעפרייט פון אַזוי פיעל אינערליכע מלחמות.

דעם 21-טען אויגוסט 1861 איז געשטאָרבען דער קיסר היען-פאָנג אין דער שטאָדט טשע-האָל אונ די מלוכה איז איבערגעגאַנגען אויף זיין 4 יאָהריגען זוהן טזונג-טשי אונטער דער אָפּעקאַ פון די אַבּט האָכסטע מאַנדרינען. שפּעטער אונטער דער אויפזיכט פון זיין מוטטער אונ פון דער עלטערער פרוי פון זיין פאָטער, אונ ביז ער וועט מינדיג ווערן זאָלל דערווייל רעגירען זיין אָנקעל, פרינץ קאָנג.

דער פרינץ קאָנג, איז אפילו א קלוגער אונ געלערנטער מענש געוועזן, אונ

האָט מיט אַללע מאָגליכקייטען געוואָלט אויסרייסען די איינגעוואָרצעלטע שׂנאה צו די אייראָפּאָאישע פֿאָלקער, אָבער די אונרוהען און די בונטען האָבען ניט צוגעלאָזען ער זאָלל וואָס קאָנען טהון צו ליעב דעם, בְּעֵת ער אַלליין און די דינאַסטיע פֿון זיינע עלטערן איז אין אַזעלכע סַכָּנות, פֿון די וואָס שטעהען אויף זיי אַראָב צוואַרפֿען. קוים איז איינגעשטילט געוואָרן די רעוואָליציאָן פֿון טהאַי=פּונג האָט זיך אָנגעהייבען אַ שרעקליכע רעוואָלוציאָן פֿון די מחמדאַנישע פֿאָלקער, וואָס האָבען אין חינאַ זיך פֿערמעהרט זינט זי האט איינגענומען מִזְרח טורקאַסטאַן און פֿעראייניגט מיט איהר לאַנד.

אַ מַחֲמַדַנישער געלעהרטער, טו=און=שי פֿון מאָנג=האָ האָט אַרום זיך צוזאַמען געקליבען פֿיעל פֿון זיינע גלויבענס=ברידער, און איז אַרוים מיט איין אָפֿענער מלחמה געגען דער רעגירונג. גיך האָט ער בעלאַגערט די שטאָדט אַנ=נאַן, וועלכע האָט זיך באַלד אונטערגעגעבען. די קיסרליכע בעאַמטע זיינען צו=לאָפֿען אָדער געטוידט געוואָרן. פֿון דאַנען איז ער אַוועק צו טו=און=שי און האָט זי אויך מיט שטורם גענומען, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז ער האָט שוין גאַנצע פּראָווינצען אונטער זיין אָבערמאַכט געהאַט. ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען: „או=ען=שו=אַי", אָדער דער קאָניג שוליימאַן, אָבער די חינעזער האָבען איהם און זיינע אָנהענגער גערופֿען „קו=יי=טשוי": „דעם טייוועלס קינדער". ער האָט זיך פֿון חינאַ אָבגעריסען און איז געוואָרן קאָניג פֿאַר זיך. דורך דער רעוואָלוציאָן האָבען נאָך אַנדערע מחמדנישע פּראָווינצען זיך אָנגעהייבען אָברייסען, און די רעגירונג האָט פֿערלאָרן איבער אַ מיללאָן מיט 5 הונדערט טויזענד קוואַדראַט קילאָמעטער לאַנד. אין יאָהר 1862 איז געוואָרן ווידער גאָר אַ נייע רעוואָלוציאָן פֿון מחמדנישען שטאַם, דונגענען, אין מערב פֿון דער פּראָווינץ שען=שי. אין זומער 1864 האָבען די דונגענען איינגענומען די שטאָדט אורמוטשי, וואו זיי האָבען אויסגעטוידט 130,000 מענשען. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען זיי איינגענומען די חינעזישע שטאָדט קולדזאַ און טשוגוטשעק און אַזוי אַללע שטאָדט אַרום.

דערצו האָט זיך די אַלטע חינעזישע שׂנאה ווידער אויפֿגעחאַפּט געגען די אייראָפּאָער, בעזאָנדערס געגען די מיסיאָנערן. אין אָנהייב 1870 האָט אַ באַנדע פֿאַנאַטישע חינעזער אין טיען=טשין געטייט 16 פֿראַנצאָזישע מיססיאָנערן, 9 באַרמהאַרציגע שוועסטערן, 3 רוססען און 40 חינעזישע קריסטען. עס האָט דערפֿון ווידער געקאָנט אַרויסקומען אַ קריג מיט אייראָפּאַ, נור פּרינץ קאָנג, וואָס האָט די שוואַכקייט פֿון זיין לאַנד גוט געקענט און געוואוסט אויך די געוואַלטיגע מאַכט פֿון דער אייראָפּאָאישער אַרמעע, האָט מיט זיין איינפֿלוס אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג נאָכצוגעבען אייראָפּאַ אַלץ וואָס זי פֿערלאַנגט, און עס איז ווידער אַ פֿריעדענס אַקט אונטערשריבען געוואָרן, אַז חינאַ פֿערזיכערט רעליגיאָנס פֿרייהייט אין גאַנצען לאַנד, קריסטליכע מיססיאָנערן ברויכען אַללע מאָל געשיצט זיין פֿון דער רעגירונג, יעדען

אייראָפּאָער ווערט ערלויבט אין אַללע חינעזישע שטאָדט צו האַנדלען אונ מאָג זיך אין יעדער שטאָדט אויפהאַלטען וויפיעל ער ברויך צו זיין געשאָפט. אויך איז ערלויבט געוואָרן אייראָפּאָאישע שיפען צו פאָהרען איבער חינעזישע טייכען אונ וואַסערן אין אינערן לאַנד.

פרינץ קאָנג איז איבערהויפט געוועזען אַ געבילדעטער מענש, האָט מיט אייראָפּע געזוכט אין פרידען צו לעבען אונ האָט זעלבסט דאָס חינעזיש פאָלק געוואָלט וויפיעל מאָגליך איז אייראָפּאָאיש צו בילדען. צוליעב דעם צוועק האָט ער אין פעקינג געאָפענט אַ פּאָליטעכנישען אינסטיטוט, וואו עס האָבען געלעהרט אין איהם דייטשעשע אונ פראַנצאָזישע פראָפעסאָרען. אין זיין רעגירונגסצייט איז חינאַ צום ערסטען מאָל פערבונדען געוואָרען מיט אַ טעלעגראַף מיט אינדיען אונ רוסלאַנד.

דעם 3=טען פעברואַר 1873 האָט דער יונגער קיסר די רעגירונג איבערגענומען ער האָט אָבער לאַנג ניט רעגירט, דעם 12=טען יאַנואַר 1875 איז ער געשטאָרבען נאָך עהדער ער איז אַלט געוועזען 19 יאָהר אונ די רעגירונג, לויט נאָך זיין בעשטימונג, איז איבערגעגאַנגען אויף זיין זוהן, אַ קינד פון 1 יאָהר, דער פרינץ קיאַנג=טשי, מיט רעגענטשאַפט פון דער אַלטער קיסרין ביז ער וועט מונדיג ווערן. דער פרינץ קיאַנג=טשו איז איצט קיסר אין חינא, מהיילט אָבער די מלוכה מיט זיין געוועזענע רעגענטין די אַלטע קיסרין. זיין רעגירונגסצייט איז נאָך ניט געענדיגט אונ מען קאָן נאָך זיין געשיכטע ניט שרייבען. מען ווייס נאָך אֲפִילוּ ניט צו וועלכען רעזולטאַט עס וועט ברענגען די גרויסע רעוואָלוציע פון די באָקסערען אין זיין לאַנד אונ די געגענווירטיגע קריעג מיט גאַנץ אייראָפּאַ אונ אַמעריקאַ.

קולטור אין חינא.

(רעליגיאָן).

פון אַללע פאָלקער אין דער וועלט, איז דאָס חינעזישע פאָלק כמעט דאָס איינציגע, וואָס אינטערעסירט זיך אזוי וועניג פאַר דער רעליגיאָן אונ פאַר דער גאָטטהייט.

אַללע זיינע געזעצע אונ אָרדנונגען אונ אַלץ וואָס דער חינעזער טהוט אונ טראַכט, זיינען נור בערעכענט אויף דעם, וויא דאָס לעבען זיך בעסער אָדער ערטראָגליכער צו מאַכען; דאַריבער קאָן קיין רעליגיאָנס לעהרע אויף איהם ניט ווירקען עס זאָלל צו ליעב דעם הימעל וואָלן זיין ערד פערגעסן.

דאָס אייביגע לעבען נאָכ'ן טוידט קימערט דעם חינעזער ווענינ. זיין שֵׂכֶל פערנעהמט זיך נור מיט געדאַנקען אונ עִנְיָנִים, וואָס קאָננען איהם דאָס לעבען

בעססער מאַכֿען נור דאָ אויף דער ערד. זיין רעליגיאָן, זאָגט דאָס פֿאָלק, הייבט זיך אָן פֿון זיין ערסטען פֿאָרהיסטאָרישען קיסר פֿאָ־הי, וואָס האָט אַללע געזעצע גע־געבען אונ האָט אויך דערצאָהלט ווי אַזוי הימעל אונ ערד זיינען געוואָרען.

„אין אָנהייב, דערצאָהלט די פֿאָלקס לעגענדע, ווען אַלץ אין דער וועלט איז נאָך תהו ובהו אונ אין פֿינסטערניס איינגעוויקעלט געוועזען; איז אַרויס געקומען פֿון אַ אונגעהייער גרויסען וועלטהייל, וועלכער האָט זיך אין צווייען צושפּאַלטען, עפּיס אַ מין ווען, וואָס איז אָהנליך געוועזען צו אַ מענשען אונ האָט זיך אָנגערופֿען: „פּון־קו־וואָנג". פֿון דעם אייבערסטען טהייל וועלט האָט דאָס וועזען געמאַכֿט דעם הימעל אונ פֿון דעם אונטערסטען טהייל—די ערד. די פֿינסטערניס צו פֿערטרייבען האָט ער מיט זיין רעכֿטער האַנד געמאַכֿט די זונן, זי זאָלל ביי טאָג לייכֿטען אונ מיט דער לינקער—די לְבָנָה, וואָס זאָלל בעלייכֿטען די נאַכֿט. אויך האָט ער די שטערן געמאַכֿט. דאַן האָט ער אַרויסגערופֿען די פֿינף עלמענטען: ערד, וואַסער, פֿייער, מעטאַל אונ האָלץ. די ערד זאָלל בעוואָהנט ווערן האָט עס געלאָזט אַרויפֿשטייגען אַ וואָלקען פֿון אַ שטיק גאָלד אונ נאָך אַזאַ וואָלקען פֿון אַ שטיק האָלץ אונ, אַז דער פּון־קו־וואָנג האָט אויף די ביידע וואָלקען אַ הויך געטוהן, איז דער גאָלדענער וואָלקען געוואָרען אַ מין מאַנספּערשוין אונ דער האָלצערנער וואָלקען אַ פֿרויענצימער. דורך דער פֿער־איינינגונג פֿון די ביידע וואָלקענס איז געבאָרען געוואָרן אַ זוהן מיט אַ טאָכֿטער. איננ־אי אונ חאַ־נוי, פֿון זיי ביידען קומען אַרויס אַללע מענשען אויף דער וועלט. פֿאַר דעם פּון־קו־וואָנג זיינען דאָ אין חינאַ טעמפּעל, וואו ער איז פֿאָרגעשטעלט פֿון שטיין אָדער לעהם אַלס נאַקעטער מענש, נור מיט אַ גאַרטעל פֿון בלעטער אַרום די לענדען. ווייל עס זיינען נאָך דאַמאַלס קיין קליידער ניט געוועזען, דערקלערען די חינעזישע ביכֿער.

נאָך אַללע רעפֿאָרמען אונ אויסבעסערונגען איז ביים פֿאָלק זיין אַלטער גלויבען פֿאָרט אין ערשטען צושטאַנד געבליבען. ער בעשטעהט: אין כָּבוד אָבגעבען אונ אָנבעטען די געשטאָרבענע עלטערן, וואָס ווערן נאָכֿ'ן טוידט הייליגע גייסטער אונ האָבען אַ גרויסע מאַכֿט אויף זייערע לעבעדיגע קינדער. דער העכֿסטער אונ הייליגסטער גייסט איז דער געשטאָרבענער קיסר, דאַריבער האָט ער נאָכֿ'ן טוידט נאָך אַ גרעָ־סערע מאַכֿט אויף דעם גורל פֿון לאַנד ווי אין זיין לעבען. די גאַנצע נאַטור, גלויבט דער חינעזער, איז בעלעבט פֿון אַזעלכע גייסטער (שואַי), דער הימעל (טהיאַן) איז פֿאַר די העכֿערע־ אונ די ערד (טי) פֿאַר די נידריגע־גייסטער. דורך דעם צו־זאַמענווירקען הימעל אונ ערד עקזיסטירט אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. דער העכֿסטער פֿון אַלץ איז דער מענש. ווען דער מענש שטאַרבט, טהיילען זיך פֿאַנאַנ־דער זיינע בעשטאַנדטהיילען: דאָס בעססערע אונ העכֿערע פֿון איהם נעהמט צו דער הימעל, דאָס אָרגערע אונ נידריגערע נעהמט צו די ערד. די פֿאָרשטעלונג

אָבער: וואָס איז אין מענשען בעסער אונ האָבער אונ וואָס אֶרגער אונ נידריגער? ערקלערן די חינעזישע געלעהרטע ניט אונ דאָס פֿאָלק קאָנן זיך דאָס אויך אַלליין ניט דערקלערן. דער געשטאָרבענער הערשער פֿערלירט ניט מיט זיין טוידט זיין אָבערמאַכט אויף זיינע אונטערטהאַנען, אונ איז נאָך קיסר אין קֶבֶר וויא אויף דער ערד, דאָס הייסט: ער קאָנן נאָך הערשען אין לאַנד ווי פֿריער. נאָך אין 621 פ' (ג. ק"מ) פֿלעגט מען מיט דעם געשטאָרבענעם קיסר אָדער פֿירסטען בעגראָבען זיינע נאָהנטע ראַטהגעבער אונ בעדינטע, אין שפּעטערע צייטען האָט מען אָנגעהייבען נור זייערע אבבילדונגען פֿון שטיין אָדער פֿון האָלץ מיטן געשטאָרבענעם קיסר צו בעגראָבען. פֿון דעסטוועגען פֿערשטעהט דאָס חינעזיש פֿאָלק ניט פֿון אַ לעבען נאָכ'ן טוידט אין דעם בעגריף פֿון עולָם הַזֶה אונ עולָם הַבָּא, ווי עס פֿערשטעהען אַנדערע פֿאָלקער. ביי'ם חינעזער קומט עס פֿאָר אַז דאָס איז אַלץ אזאַ מין עולם הזה: דער געשטאָרבענער מיט דעם לעבעדיגען זיינען ביידע אויף דער וועלט אונ האָבען טאַקי נאָך דאָ וואָס צו טהון. פֿון שָׂכָר וָעוֹנֶש: פֿון בעלאָהנען נאָכ'ן טוידט פֿיר גוטע מַעֲשִׂים אָדער בע־שטראָפֿען פֿאַר שלעכטע מעשים דערמאָהנט די חינעזישע אַלטע רעליגיאָן קיין וואָרט ניט, אונ דאָס פֿאָלק קלערט גאָר ניט דאַריבער.

מיט דער צייט איז די ערסטע רעליגיאָן פֿון פֿאָ־הי פֿערגעסן געוואָרן. דאָס האָט זיך קאָנפֿוציוס גענומען פֿערריכטען. ער האָט צוזאַמענגעקליבען די אַלטע געזעצע אונ לעהרע פֿון פֿאָ־הי, אונ האָט זיי אָנגעהייבען דעם פֿאָלק ערקלערן. „מיין לעהרע, זאָגט קאָנפֿוציוס, איז קיין נייע, וואָס איך האָב זי אויסגעטראַכט, זי איז נור די, וועלכע פֿאָ־הי האָט זיין פֿאָלק געלערנט אין אָנהייב, ווען דאָס חינעזיש פֿאָלק איז אַ פֿאָלק געוואָרען. איך האָב פֿאַרטיגע געזעצע, זיטטען אונ מנהגים פֿון אונזערע עלטערן צוזאַמענגעקליבען אונ איך ערקלער זיי נור אייך. איך האָב פֿון זיי ניט וואָס אַראָבצונעהמען אונ ניט וואָס צו צוגעבען. איך בין נור ווי איין ערד־אַרבייטער, וואָס פֿערזייעט פֿאַרטיגע קערנער עס זאָללען ווידער אַזעלכע קערנער אַרויס וואַכסען... איך פֿערזייע אויך לאַנג געגעבענע פֿאַרטיגע געזעצע אין אייערע הערצער, זיי זאָללן דאָרט וואַכסען אין אייך, אייך גליקליך אונ צופֿרידען מאַכען אין אייער לעבען!"

אללע געזעצע אונ זיטען, וואָס קאָנפֿוציוס האָט דאָס פֿאָלק געלעהרנט זיינען בערעכענט נור אויפֿ'ן לעבען. אויף עהרליכקייט אונ גוטע מדות, פֿאַנטאַזי אונ געפֿיהל שפּילען קיין ראָללע אין זיין געזעץ. וועגען איין אַללערהאָכסטען גאָטט, וואָס האָט אַלץ בעשאַפֿען אונ וואָס ערהאַלט אונ פֿיהרט די וועלט, רעדט קאָנפֿוציוס ניט. ער רעדט נור פֿון אַ פֿאַרטיגער וועלט. די וועלט ווי זי איז: דער הימעל, זאָגט ער, איז דער פֿאָטער פֿון אַלץ אונ די ערד איז די מוטטער. דאַריבער ברויך זיך דער מענש האַלטען אין זייער געזעץ, אזוי וויא דער הימעל פֿיהרט זיך שטאָנדיג מיט איין אָרדנונג,

בּיים ניט זיין געשטאַלט אונ זיין ערשיינען, אַזוי בּרויך דער מענש זיך אויך ניט בּייטען אונ ניט וואָלן זיין אַנדערש ווי ער איז! אַזוי ווי די ערד איז גוט צו אַללע איהרע בעשאָפעניסען בּרויך דער מענש אויך צו אַללעמען גוט זיין.

דער מענש איז די פיינסטע זאַך פון אַלץ וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט. ער האָט דעם שֵׂכֶל אונ די טוגענד אין זיך; דערמיט ווערט ער געבּוירען. ער איז פון דער נאַטור גוט ווי ער איז פון דער נאַטור פערנונפטיג. זיין שכל טרייבּט איהם צום גוטען, אונ נור דאָס איז אַ זינד, וואָס אַ מענש טהוט געגען שכל. א מענש בּרויך ניט קליגער זיין פאַרן הימעל. דער הימעל הייסט דעם מענשען לעבּען, דאַריבּער בּרויך דער מענש מיט שכל לעבּען. דער קיסר איז דער ווירקליכער זוהן פון הימעל, וועלכען דער הימעל האָט איבּער געגעבּען דעם כח פאַר איהם דאָ אויף דער ערד צו הערשען, דאַריבּער זיינען דעם קיסר׳ס געזעצע גלייך ווי זיי קומען פון הימעל. דער קיסר אַלליין פאָלגט נור די געזעצע וואָס דער הימעל גיט איהם.

דער רָצוֹן, וואָס טרעפט בּיים מענשען, אָבּצוּנייגען פון דער אָרדנונג פון דער נאַטור, קומט אין איהם פון דעם פערדאָרבּענעם שכל אין איהם, וואָרום דער געזונדער שֵׂכֶל קאָן ניט דערלאָזען צו אַ זינד. יעדע זינד שטאָרט די אָרדנונג אין דער נאַטור. די זינד פון איינצעלנעם שטאָרט דעם איינצעלנעם חָבֵר אָדער פאַמיליע פונ׳ם זינדיגען, אָבּער דעם הערשערס זינד שטאָרט די נאַטור אונ די נאַטור געהאָר צום גאַנצען פאָלק. דאַריבּער דאַרף דאָס גאַנצע פאָלק זאָרגען, דאָס דער הערשער זאָלל ניט זינדיג זיין! נור דער טוגענדהאַפטער מענש איז גליקליך, אָבּער צו טוגענד קומט מען ערסט דאַן, ווען מען היט אָב דאָס געזעץ. אַללע אומגליקען וואָס קומען אויפ׳ן לאַנד, קומען ניט אומזיסט. דאַריבּער ווען עס קומט אַ אונגליק, קאָנן מען עס העלפען, ווענן מען געפינט די זינד אונ מען פעריכט זי.

די צערעמאָניען אונ קָרְבָּנוֹת געהאָרן ניט צו דער רעליגיאָן: יעדער פירסט מאָג זיי מאַכען ווי איהם געפעללט. טעמפעל אונ פריסטער זיינען ניט געוועזן אין די ערסטע צייטען, ערסט שפּעטער האָט מען זיי בּיסלעכווייז איינגעפיהרט, אָבּער זיי זיינען בּיים פאָלק נאָך איצט ניט הייליג. הייליג זיינען נור די קְבָרִים פון עלטערן אונ אַם הייליגסטען די קברים פון געוועזענע מאָנאַרכען, דעריבּער זעהט מען אין חינאַ אזוי וועניג טעמפּלען אונ אַזוי פיעל פערהייליגטע קברים.

אין דער זעלבער צייט, ווען קאָנפוציוס האָט געלעבּט האָט נאָך איין חינעזי־שער פילאָזאָף אַ נייע תּוֹרָה געוואָלט איינפיהרען. לאַאָ־טזע האָט ער געהייסען, ער איז געבּוירען אין יאָהר 604 פ׳ (ג. נ״ז) קאָנפוציוס האָט זיך מיט איהם אין די יונגע יאָהרען געזעהן, גערעדט מיט איהם, אָבּער איינשטימען צו זיין נייער לעהרע האָט ער ניט געקאָנט. קאָנפוציוס איז געוועזן אַ פּראַקטישער ניכטערער מענש, האָט געוואָלט דער מענש זאָלל לעבּען, געניסען פון דער וועלט וויפיעל די נאַטור פערגינט איהם, מיט

שׂכל מיט אָרדנונג, אונ זאָלל גליקליך זיין אין לעבען. לאַאָ-טזע איז אַ פֿאַנטאַזיאָר געוועזן אונ האָט עפּיס אַנדערס געזוכט. אזוי ווי קאָנפֿוציוס האָט לאַאָ-טזע אויך פֿריהער געדיענט אַלס בעאַמטער ביי דער רעגירונג, האט זיין אַמט אויפֿגעגעבען אונ געגאַנגען פֿרעדיגען זיין נייען גלויבען, וואָס ער האָט איהם אָנגערופֿען „אין רעכטען וועג".

לאַאָ-טזע זאָגט אויך, אז די וועלט האָט אייביג עקזיסטירט אונ איז אין אַ וועלט געפֿאָרמט געוואָרן דורך דער קלוגער ווירקענדע קראַפֿט, וואָס איז פֿול פֿון איהר די גאַנצע וועלט אונ וואָס ער רופֿט זי אָן מיט דעם נאָמען „טאַאָ". דער הימעל איז די געשטאַלט פֿון דער קלוגער ווירקענדער קראַפֿט, די ערד איז די געשטאַלט פֿון הימעל אונ דער מענש איז די געשטאַלט פֿון דער ערד. דער מענש לעבט דורך דעם ווירקען פֿון טאַאָ אונ קאָנן צו איהם קומען, ווען ער זאָגט זיך אָב פֿון אַללע געליסטע אונ פֿון אַלץ וואָס מענשליך איז, ביז ער האָרט אויף צו פֿיהלען זיך אונ די וועלט אַרום זיך. דאריבער ברויך דער מענש פֿאַסטען אונ לעבען אײנזאַם, פֿון קיין זאַך אין דער וועלט נישט נִתְפָּעֵל ווערן, אַזאַ מענש קומט צו צו טאַאָ אונ פֿעראײניגט זיך מיט איהם, אָבער אַ זינדער געהט אונטער אונ ווערט פֿערלאָרען פֿון דער וועלט.

ביי זיינע אָנהענגער זיינען שוין דאָ טעמפּעל אונ פּריסטער, אונ די גאַנצע לעהרע איז נור אַ קאָפּדרעהענעס געוואָרן. די תַּלְמִידִים האָבען זייער פֿילאָזאָפֿישען לעהרער ניט פֿערשטאַנען אונ האָבען פֿון זיינע געדאַנקען געמאַכט סודות אונ רְמָזִים.

אַלס מאָטיוו אָדער עססענץ פֿון זיין לעהרע האָט ער בעצייכענט מיט די וואָרטער: „אונזער לעבען האָט אַ גרענעץ, אָבער די פֿערנופֿט האָט קיין גרענצען!" אויך דער בודדהיזם ווערט אין חינאַ אלס פֿאָלקס רעליגיאָן אַנערקענט אונ פֿיעל מילליאָנען רופֿען זיך בודדהיסטען, אָבער ניט ווי בודדהי האָט געלערנט אונ געמיינט פֿערשטעהט זיין לעהרע דאָס חינעזיש פֿאָלק. איבריגענס אַרבייט יעדעס פֿאָלק יעדע רעליגיאָן איבער לויט נאָך זיין בעגריף, אונ פֿון די אַללע דריי גאַנגבאַרע רעליגיאָנען איז פֿאָרט ביי די חינעזער נור דאָ זיין אייגענער גלויבען, דאָס פֿערעהרן די קְבָרִים, דאָס גלויבען אין גייסטער אונ זיי קָרְבָּנוֹת ברענגען אונ דער עִיקָר דאָס פֿערהייליגען אַללע אַלטע מְנְהָגִים אונ אַלטע זיטען. עס איז שווער צו אונטערשיידען דעם חינעזער, וואָס גלויבט אין קאָנפֿוציוס, לויט נאָך זיין דענקען, פֿון דעם חינעזער, וואָס גלויבט ערגעץ אין איין אַנדער רעליגיאָן. די רעליגיאָן אָנדערט ניט זיין נאַטור אונ זיין בעגריף פֿון לעבען. מאָג דער חינעזער זיך צו שרייבען צו וועלכער רעליגיאָן אין דער וועלט, ער בלייבט אונ וועט בלייבען שטאָנדיג ביי די, וועלכע ער האָט בִירוּשָׁה פֿון טויזענדער דורות צוריק.

די אָרדענונג אין לאַנד.

אין אָנהייב האָט זיך דאָס לאַנד געפֿיהרט, לויט ווי אַ פֿאַמיליען פֿאָטער פֿיהרט זיין הויז. דער קיסר איז דער פֿאָטער פֿונ'ם פֿאָלק און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט אויף איהם געקוקט ווי קינדער קוקען אויף אַ פֿאָטער, און אַזוי ווי ער איז דער זוהן פֿון הימעל און פֿערנעהמט דעם אָרט פֿון הימעל אויף דער ערד איז ער פֿערהייליגט געוואָרן און מען האָט איהם דעם כָּבוד אָבגעגעבען ווי דעם העכסטען גייסט, אָדער ווי דעם הימעל אַליין, אָבער ביי אַללעם דעם האָט דאָס פֿאָלק אימער פֿערלאַנגט פֿון זיין קיסר, ער זאָלל אויך דעם כבוד פֿערדינען, און נאָך מעהר, יעדע זינד פֿון קיסר האָט דאָס פֿאָלק אויפֿגעהייבען געגען איהם, וואָרום פֿון קיסר'ס זינד ליידט שוין ניט איין איינצעלנער מענש אָבער אַללע וואָס לעבען אין זיין לאַנד. אֶמֶת דער קיסר אַלליין איז פֿון הימעל געשיקט צו הערשען און קאָנן אַלליין די הערשונג אין אַנ־דערן ניט איבערגעבען, אָבער קוים איז ער זינדיג בעקומט דאָס פֿאָלק די רעכט די רעגירונג פֿון איהם אָבצונעהמען. נאָך איצט איז דער קיסר אין חינאַ פֿערבונדען פֿון פֿערשידענע געזעצע, צערעמאָניען און מִנְהָגִים פֿון וועלכע ער וואָלט זיך געווים וואָלן בעפֿרייען און טהוט עס ניט, ווייל זיי געהאָרן צו די כְּלָלִים, וואָס דאָס פֿאָלק האָט דאָס רעכט פֿון איהם צו פֿערלאַנגען.

דאָס פֿאָלק טהיילט זיך אין חינאַ ווי אין אַנדערע לאָנדער אין פֿערשידענע קלאַסען, אָבער דער איבערגאַנג פֿון איין קלאַס צו דער אַנדערער איז כִּמְעַט ערגעץ ניט אַזוי לייכט און ניט פֿערצוימט ווי אין חינאַ.

צו דער העכסטע קלאַסע בירגער, רעכענען זיך די ערדאַרבייטער, זייד וועבער האַנדווערקער און קויפֿלייטע. צו דער אַנדערע קלאַסע רעכענען זיך די מענשען, וואָס האָבען ניט קיין אייגען הויז און קיין אייגען ערד. פֿון דער דריטער און די נידריגסטע קלאַססע, זיינען מוזיקאַנטען, אַקטיאָרען, טאַנצער, בעדינטע און וואָס זיינען אין אָפֿענטליכע הייזער. קיין סקלאַפֿען און פֿערקויפֿטע קנעכט זיינען אין חינאַ ניטאָ. אין דריטען יאָהר הונדערט, נאָך אייראָפּעאישער צייט רעכנונג, האָט אֲפִילוּ די רע־גירונג ערלויבט אָרעמע עלטערן צו פֿערקויפֿען אַ קינד איין אַנדערן, אָבער דאָס גע־קויפֿט קינד איז ביים קויפֿער ניט ווי אַ סקלאַף פֿערדרעכענט געוועזען נור ווי איין אייגען קינד. עס האָט בעדאַרפֿט פֿאַר זיין קויפֿער נור די אַרבייט טהון און אַזוי פֿיעל טהון וויפֿיעל עס טהוען די אייגענע קינדער פֿון יענער פֿאַמיליע. פֿאַר שלעכטע בעהאַנד־לונג אַזאַ געקויפֿט קינד ווערט מען זעהר שטרענג בעשטראָפֿט. אויסער פרינצען פֿון קיסרליכען פֿאַמיליע און אויסער די וואָס רעכענען זיך פֿון קאָנפֿוציוס פֿאַמיליע איז קיין ערבליכע אַדעל אין לאַנד ניטאָ. עס זיינען דאָ מאַנדרינען, דאָס הייסט: די בע־אַמטע ביי דער רעגירונג. אָבער אַ מאַנדרין קאָנן ווערן יעדער חינעזישער בירגער

פון וועלכער קלאַסע ער איז. אום אַ מאַנדרין צו ווערן מוז מען פריהער אַ געלעהר־טער זיין אונ איין עקזאַמען אויסהאַלטען. וואָלט נור דער עקזאַמען אַזוי שווער ניט זיין, וואָלט זיך דער מאַנדרין אויך ניט האָבען מיט וואָס צו גרויסען זיך אויף די אַנדערע קלאַססען, צום אונגליק איז אָבער דער עקזאַמען אַזוי שווער, וואָס זעלטען גיט זיך אַ אָרעמאַנן איין מיט לערנען אַלליין איהם אויסצוהאַלטען. נור יענע בעקומען דעם דיפלאָם, וועלכע האָבען פּראָטעקציע אונ די וואָס עקזאַמענירן זיי פּרובען ניט זייערע קענטניסע אַזוי שטרענג; דאַריבער זיינען די מאַנדרינען אויך ווי איין אָרט פּערזאָנליכער אַדעל, וואָס דעם אָרעמאַן איז שווער צו צוקומען צו איהם. אַ מאַנדרין לאָזט ניט זיין טיטול בירושה פאַר קינדער, חאָטש בְּעֵת ער לעבט שטעהט ער פּיעל העכער פאַר אַללע אַנדערע קלאַססען. די מאַנדרינען טהיילען זיך אויך אין קלאַססען, לויט נאָך דעם עקזאַמען וואָס איינער האַלט אוים אַזאַ ראַנג אונ טיטול בעקומט ער. נור אַ געלעהרטער קאָן זיין אַ מאַנדרין אונ געלעהרטקייט אין חינאַ הייסט: ניט דער וואָס איז ווירקליך געלעהרט אין פערשידענע וויססענ־שאַפטען, נור דער וואָס קאָנן מעהר לעזען אונ מעהר שרייבען, אונ ווייס אויך מעהר געזעצע אונ אַלטע לעגענדען איבער צו דערצעהלען אונ צו געדענקען אין וועלכע ביכער זיי געפינען זיך, וואו אונ ווען זיי זיינען געשריבען געוואָרן. דאָס לעזען אונ שרייבען איז טאַקי דער שווערסטער לִמוד אין חינאַ, ווייל דאָרט זיינען ניט איינגע־פיהרט צייכען פון אותיות פון זיי צוזאַמען שטעלן אַ וואָרט ווי ביי אַללע געבילדעטע פעלקער, נור צייכען אויף גאַנצע ווערטער. יעדעס וואָרט האָט איין אַנדער בע־צייכנונג, אונ אַזוי ווי ווערטער זיינען אֲפִילוּ אין דער חינעזישער שפּראַך דאָ פּיעל, מוזען די צייכען פון זיי אויך זיין פּיעל. אויסער דעם האָט כִּמְעַט יעדעס וואָרט אין דער חינעזישער שפּראַכע פּיעל בעזאָנדערע בעדייטונגען, מוז טאַקי דער צייכען פון דעם זעלבען וואָרט האָבען פּיעל אָנדערונגען אָדער בעזונדערע צייכען אויף די צייכען. זעלטען אַ געבילדעטער חינעזער, אָדער אפילו אַ גרויסער געלעהרטער זאָלל אַללע צייכען אונ צייכענס צייכענען קענען. דאָס איז אויך איינע פון די סבות, וואָס לאָזט דאָס חינעזיש פאָלק, וואָס איז פון נאַטור פאָהיג, ארבייטזאַם אונ פלייסיג אויך צום לערנען, ניט געבילדעט זיין אין דעם זינען, ווי מען איז אין אַנדערע לאָנדער. ווי לייכט, דאַכט זיך, וואָלט דעם חינעזער זיין אויפצושרייבען אונ איבער צו לעזען זיינע קורצע, איינזילביגע ווערטער, ווען מען גיט איהם איין אלף־בית מיט אותיות צו שרייבען, אבער דאָס חינעזיש פאָלק, וואָס האַלט זיך אָן אַלץ וואָס איז אַלט, אונ אַלץ וואָס איז אַלט איז הייליג, האַלט אויך די שריפט זיינע פאַר זעהר הייליג אונ נעהמט קיין נייע שריפט ניט אָן.

דורך אַזאַ עַקְשָׁנוּת אונ פעסטהאַלטען זיך אָן אַלץ וואָס מען האָט פון לאַנג צו־ריק, שטעהט אויך דאָס פאָלק אין זיין קולטור, אין אַרבייט אונ ערפינדונגען נידרי־

גער ווי עס האָט געקאָנט זיין און בעדאַרפֿט זיין. מיט טויזענדער יאָהרען צוריק האָט מען שוין אין חינאַ געוואוסט פֿון ערפֿינדונגען און מיטלען ווי בעסער צו אַרבייטען, פֿון אַ זעלבע נאַטור כחות, וואָס ערסט מיט טויזענד יאָהר שפּעטער האָט מען דיזעלבע אין אייראָפּאַ ערפֿונדען און בענוצט צו פֿערגרעסערן די קולטור. די חינעזער אָבער האָבען זיך מיט זייערע ערפֿינדונגען ניט בענוצט, יעדע ערפֿינדונג איז אַ נייעס און פֿאַסט פֿאַר אַזאַ אַלט פֿאָלק מיט אַזאַ יונגע זאַך זיך צו בעשעפֿטיגען, אָדער דערפֿון אַ געברויך מאַכען? גוט איז דאָס אַלטע נור, דאָס אַלטע איז אויך הייליג און אַ נייעס קאָן נור מְחַלל זיין דאָס הייליגקייט פֿון דעם אַלטען. אַזוי איז געשעהן מיט דעם שיס-פּולווער, מיט דער דרוקערייא און מיט נאָך פֿיעל ערפֿינדונגען, וואָס די חינעזר האָבען פֿריהער ווי אַנדערע פֿעלקער ערפֿונדען און קיין אייגענע נוטצען דערפֿון ניט געהאַט. אַזוי איז אויך די חינעזישע ליטעראַטור. אַללע שרייבער און ביכער, וואָס זיינען אַזוי פֿיעל אין אַללע צייטען געוועזען אים לאַנד, האָבען געלערנט און געשריבען נור פֿון אַלטע צייטען, אָדער פֿון די נייערע צייטען נעאורטהיילט פֿון דעם אַלטען שטאַנד פּונקט.

די הויפּט ליטעראַטור רעכענען די חינעזער די פֿינף ביכער (קינג) פֿון קאָנפֿוציוס. אויסער וואָס די ביכער ענטהאַלטען די אַללע געזעצע פֿון רעליגיאָן אין לאַנד, געפֿינט זיך אין זיי אויך די חינעזישע אַלטע געשיכטע ביז קאָנפֿוציוס, אויך אַ זאַמלונג פֿון אַלטע מַצֵבות, לידער און פּאָעזיען פֿון אוראַלטע צייטען, וואָס פֿיעל פֿון זיי זיינען מיט טאַלענט און וויסענשאַפֿט געשריבען, אויך פֿיעל מאָראַלישע אויפֿזעצע, דיספּוטען פֿון פֿילאָזאָפֿען און אַזוי בעשרייבונגען פֿון בעריהמטע לייט. קאָנפֿוציוס אייגענע רעדען מיט זיינע תַּלְמִידִים, וועגען דער פֿפֿליכט פֿון קינדער צו עלטערן, און פֿפֿליכט פֿון איינצעלנעם מענשען צום כְּלָל.

נאָך קאָנפֿוציוס ביכער שטעהען די ביכער פֿון זיינע שילער, און די וויכטיגסטע פֿון זיי, זיינען די ביכער פֿון זיין בעסטען שילער מענג-טשע. ער רעדט שוין ניט אַזוי רוהיג און קאַלט ווי זיין גרויסער לעהרער קאָנפֿוציוס; זיין שפּראַך איז שוין פֿייעריג און האָט אויך גענוג שׂכל און וויץ אין זיך. אויך לאַא-טזע'ס ביכער געהערן צו דער קלאַססע. דער נאָך קומען ביכער פֿון וועלטליכע און שפּעטערע שריפֿטשטעללער. בעזאָנדערס פֿערדינען פֿיעל אַכטונג די געשיכטליכע ביכער. מען פֿערזיכערט אַפֿילו, אַז פֿון דער ערסטער דינאַסטיע „היאַ“, ביז דעם איצטיגען קיסר, האָט זיך אין קיסרליכען הויף אַללע מאָל געפֿונען אַ געשיכטע שרייבער, וואָס האָט אָבער אַללע פֿרייהייט געהאַט צו שרייבען נור דעם אֶמֶת, גאָר אָהן מוֹרָא אַפֿילו דעם הערשערס פֿעהלער צו פֿערשרייבען. אַזעלכע געשיכטע ביכער זיינען אין חינאַ ווירקליך זעהר פֿיעל דאָ. בעזאָנדערס בעריהמט איז דאָס בוך סע-קי. אין דעם בוך האָט זיין פֿערפֿאַסער פֿון אַללע מאָגליכע דענקמאַלער (מַצֵבות), לעגענדען און זאַגען מיט

אַזעלטענעם טאַלענט און ערנסט צוזאַמענגעשטעלט די חינעזישע געשיכטע, פֿון פֿאָרהיסטאָרישען קיסר האָאַנג־טו, ביז דעם יאָהר 122 פֿ, און האָט אַ גרויסען ווערטה גיט נור אין חינא אָבער אויך אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט.

די נייע ליטעראַטור, האָט גענוג שרייבער און ביכער פֿון אַללער אַרט, פּאָעזי, ראָמאַנען, וויסענשאַפֿט און צייטונגען מיט מעהר אָדער וועניגער טאַלענט, און מען זעהט, אַז דאָס פֿאָלק דענקט און קאָנן, חאָטש מיט אַזאַ שווערער שריפֿט, אַרויסגעבען זיינע געדאַנקען און די געדאַנקען ווערן געלעזען און פֿערשטאַנען. ביי אַללעם דעם אָבער איז דאָס חינעזיש פֿאָלק, וואָס האָטווירקליך געקאָנט זיין דאָס געבילדעסטע קולטורווירטע פֿאָלק אין דער וועלט, ווי עס איז אויך אַ זעהר אַלט פֿאָלק, געבליבען שטעהן וויט הינטער אַללע אַנדערע פֿעלקער, הן אין זיין פֿיזישער, הן אין זיין מאָראַלישער קראַפֿט, און בעווייזט דערמיט, אַז דאָס לעבען פֿון אַ פֿאָלק איז חי דאָס לעבען פֿון אַ בוים: מאָגען זיינע וואָרצלען ווי טיף און ווי וויט זיין אין דער ערד אַריינגעוואַכסען, קוים נעהמט צו פֿון איהם לופֿט און ליכט מוז ער, ווען ניט אין גאַנצען אָבשטאַרבען און פֿערפֿוילט ווערן, ווענינגסטענס פֿע־טריקענט אָדער פֿערשטיינערט ווערן... דעם חינעזישען פֿאָלק האָט מעהר ווי אַלץ פֿרייע לופֿט און ריין ליכט געפֿעהלט, דאַריבער איז עס אַזוי שטאַאַר, אַזוי פֿערשטיינערט געבליבען אין מענשליכער געשיכטע.

יודען אין חינא.

ווי אַלץ אין דעם פֿערשלאָסענעם לאַנד און זאָנדערבאַרן פֿאָלק איז נאָך ניט גענוג בעלייכטעט און ערקלערט געוואָרן פֿאַר דער געבילדעטער וועלט, אַזוי איז אויך די געשיכטע פֿון די חינעזישע יודען נאָך ניט קלאָר און ריכטיג דערוויזען געוואָרן, דאָסס אַלץ וואָס מען דערצעהלט פֿון איהר זאָלל קאָנען אָנגענומען ווערן פֿאַר געשיכטליכע וואַרהייט. נור אַזוי פֿיעל איז דערוויזען און קלאָר, דאָס עס וואָהנען יודען אין חינאַ און וואָהנען שוין דאָרט פֿון גאַנץ אַלטע צייטען צוריק. דער בעסטער בעווייז אויף די אַלטקייט פֿון דער צייט, וואָס יודען האָבען זיך בעזעצט אין דעם לאַנד, זיינען טאַקי די חינעזישע יודען אַלליין, וועלכע האָבען דאָרט ניט נור זייער היילינ לָשון און כּמְעַט זייער תּוֹרָה פֿערגעסען, אָבער וואָס האָבען אויך כמעט זייער געשטאַלט אין גאַנצען פֿעראָנדערט, אַז עס איז שוין שווער זיי צו אונטערשיידען פֿון דעם חינעזישען פֿאָלק, צווישען וועלכען זיי לעבען שוין דאָרט אַזוי לאַנג, און דאָס קאָן ניט געשעהן ניט אין איין דור און ניט אין צוויי.

עס זיינען דאָ הַשְׁעָרוֹת, אַז ווען יודען האָבען נאָך אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל געוואָהנט,

אַז ווען שלמה המלך האָט יודישע ים־פֿאָהרער געשיקט קיין אופיר, (וואָס מען רעכֿענט אַז דאָס מיינט מען אינדיען), זיינען געוויס עטליכֿע פֿאַמיליען אין אינדיען געבליבען אונ פֿון דאָרט זיינען זיי דערנאָך אַריבער אין חינאַ. די חינעזישע געשיכֿטע דער־צאָהלט פֿיעל פֿון דעם האַנדעל פֿון חינאַ מיט אינדיען. דעם האַנדעל האָבען יודען געלערנט ביי די כנענים (פֿעניקיאַנער), וועלכֿע האָבען זיי צום ערסטען דעם וועג געוויזען קיין אופיר אונ וועלכֿע האָבען שטאָנדיג וויטע פֿעלקער אונ לאַנדער געזוכֿט פֿאַר זייער מסחר נייע סוחרים אונ נייע סחורה צו געפֿינען. די יודען, וואָס האָבען מיט די כנענים אין יענע צייטען אַזוי גוט געלעבט אונ זיינען חוץ דעם נאָהנטע קרובים מיט זיי געוועזען אַלס פֿאָלק כמעט מיט איין לשון, האָבען אויך די האַנדעלס פֿאָהיגקייטען ביי זיי איבערגענומען, אונ אַזאַ וויט לאַנד ווי חינאַ האָט זיי ניט אָבגעשראָקען זיך דאָרט צו בעזעצען צו ליעב דעם מסחר, אונ זיינען דאָרט געבלי־בען פֿון שלמה המלך׳ס צייטען ביז איצט. אויב די השערה איז ריכֿטיג, קאָן אויך ריכֿטיג זיין די אַנדערע השערה, אַז דער פסוק אין ישעיה קאַפּיטעל מ״ט: הנה אלה מרחוק יבאו והנה אלה מצפון ומים ואלה מארץ סינים („נו וועלן די פֿון וויטען קומען, די פֿון צפון אונ פֿון מערב זייט אונ אויך די פֿון לאַנד „סינים״) זאָלל ער מיט דעם נאָמען: „סינים״ האָבען געמיינט חינאַ. עס זיינען דאָ אַנדערע השערות, אַז די חינעזישע יודען שטאַמען אַרויס פֿון אַ שבט פֿון די עשרת השבטים אונ זיינען געקומען אַהין נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך בעזעצט ביי דער טייך גוזן, וואָס דאָס זאָלל זיין דער גאַנגוס אין אינדיען, וואָהין שלמנאסר דער קעניג פֿון אשור האָט זיי פֿערטריבען; פֿון דאָרט זיינען זייגע קומען שפּעטער קיין חינאַ. איבריגענס האָבען יודען אין זייער לאַנגער טרויעריגער געשיכֿטע אַזוי פֿיעל שלעכֿטע צייטען געהאַט, וואָס געהענדיג זוכֿען זיך אַ פּלאַץ וואו דעם קאָפּ צו צולעגען, האָבען זיי שוין ניט איינמאָל געקאָנט קומען אין יענעם וויט לאַנד אונ זיך בעזעצען צווישען אַ פֿאָלק, וואָס האָט אין זיין לאַנגער געשיכֿטע כמעט קיינמאָל פֿאַר רעליגיאָן ניט געשטריטען אונ פֿאַר איין אַנדער גלויבען קיינעם ניט פֿערפֿאָלגט.

פֿערשידענע רייזענדער אונ מיסיאָנערן דערמאָנען שוין צייט עטליכֿע הונדערט יאָהר אַ יודישע געמיינדע אין דער שטאָדט קאַי־פֿונג־פֿו אין דער חינעזישער פּראָווינץ חאָ־נאַן. דער בעריהמטער גאון אונ חכם ר׳ משה בן ישראל וואָס האָט געלעבט מעהר ווי מיט 200 יאָהר צוריק, ברענגט אין זיין ספר מקוה ישראל אַ גאַנצע בעשרייבונג פֿון קאַי־פֿונג־הי׳ער יודען, וואָס ער האָט געהערט דערצאָהלענדיג פֿון דעם מיסיאָ־נער רוטשי, וואָס איז דאָרט געוועזן. לויט נאָך דער ערצאָהלונג האָבען די חינעזישע יודען געזאָגט, אַז זיי שטאַמען אַרויס פֿון די עשרת השבטים, ניט פֿון שבט יהודה. נור שפּעטערע רייזענדער דערצאָהלען פּונקט פֿאַרקעהרט. נור ווי דאָס איז, איז געוויס, אַז אין קאַי־פֿונג־פֿו וואָהנען יודען פֿון זעהר אַלטע צייטען, האַלטען זיך אַן תורת

משֶׁה, חאָטש אין אַללעם איבּריגען, אין קליידער, לָשון אונ זעלבּסט אין געשטאַלט זיי-נען זיי גלייך צו די געבּוירענע חינעזער. בּיז ניט לאַנג צוריק האָבּען זיי נאָך אַ גרויסע אַלטע שוהל געהאַט, וועלכֿע איז אָבּער אין דער לעצטער צייט חָרֵב געוואָרן פֿון אַ אויספֿלייצונג אונ אַ שְׂרֵפָה. די געמיינדע איז פֿעראונגליקט אונ פֿעראַרמט געוואָרן, ווען זי האָט פֿיעל געליטען פֿון דער טהאַי-פּינג רעוואָלוציאָן. פֿון דענסטמאָל זיינען אויך די יודישע איינוואָהנער פֿון קאַי-פֿונג-פֿו צושפּרייט געוואָרן אין אַנדערע פּראָווינצען אונ מען קאָנן ריכֿטיג ניט וויסען ווי גרוים זייער צאָהל איז. שפּעטערע רייזענדער דערצאָהלען נאָך פֿון אַנדערע יודישע געמיינדען אין פֿערשידענע חינעזישע שטאָדט אונ פֿערזיכֿערן, אַז אין חינאַ געפֿינען זיך זעהר פֿיעל יודען, וואָס זייער הויפּט בּעשעֿפֿ-טיגונג איז ערדאַרבּייט אונ מִסְחָר. זיי ווייסען פֿון קיין פֿערפֿאָלגונגען איבּער זייער רעליגיאָן. אויך ווערט דערצאָהלט פֿון פֿיעל יודישע געלעהרטע אונ יודישע מאַנדרי-נען אין לאַנד. אָבּער די אַללע ערצאָהלונגען זיינען נאָך וועניג קלאָר אונ ריכֿטיג, מען זאָל זיי פֿאַר געשיכֿטליכֿע פֿאַקטען אָנגעהמען, אונ די געשיכֿטע פֿון יודען אין חינאַ וועט אֶפְשַׁר ערסט דאַן מאָגליך זיין צו שרייבּען, ווען דאָס לאַנד וועט זיך אין גאַנצען אָפֿענען פֿאַר אייראָפּאָאישע געלעהרטע, זיך צו בּעקענען מיט איהם אונ אויסצולערנען די פֿערשידענע שטאַטען אונ פֿאָלקער וואָס וואָהנען אין איהם.

אידישע ליטעראטור.

אונטער דיזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראטען און פאָעטען.

אברהם אבינו'ס לעבענס-בעשרייבונג, א. ראזענבערג,	3
אויפגעקומענער גביר, שלום=עליכם,	3
אז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ,	3
אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים,	3
איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראבינאוויץ	5
אייזיק'ל שוחט, י. ל. פרץ,	3
אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
אין שטראָם פון רעוואלוציאן, מ. דאַנצים,	5
דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען,	15
ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר,	3
בארדיטשעווער טהעאַטער, שלום=עליכם,	5
בארדיטשעווער טראמוואי און האָטעלען, שלום=עליכם,	5
באשערט אנ'אונגליק, שלום=עליכם,	3
בבל (דאָס לאנד), י. דינעזאהן,	5
ביי'ם דאָקטאָר, שלום=עליכם,	3
בלינדער בעטלער, א. באראָף,	3
בן יחיד, ב. גארין,	3
בשעת מגפה, י. ל. פרץ,	3
גאלדעלע, מ. ספעקטאָר,	3
גיטעלע'ס יום־כפור, י. דינעזאָהן,	3
גימענאזיע, שלום=עליכם,	3
געלד און לעבען, ד. עדעלשטאט,	3
דור הפלגה, א. גאָלדפאדען,	5
היינריך היינע, נ. מ. באבאד,	3
הכנסת כלה, י. ל. פרץ,	3
אַ וויגרישנער בילעט, שלום=עליכם,	3
ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק,	3
וועגס=לייט, בילדער פון מ. ספעקטאָר,	5
ווערא, ד. עדעלשטאט,	3
זעלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין,	3
חינא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
דער חלום, י. ל. פרץ,	3
חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פרץ,	10
דאָס טעפעל, שלום=עליכם,	3
יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ,	3
ירחמיאל'קע,	3
אַ כעס פון אַ יודענע, י. ל. פרץ,	3
ל"ג בעומר, שלום=עליכם,	3
ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ,	5
דער לץ, י. ל. פרץ,	10
מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר,	3

דער מאהלער, ד. עדעלשטאט,	3
מענדעל בריינעס, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך פון דול=הויז, י. ל. פרץ,	15
משופע, י. ל. פרץ,	3
משוגענער בטלן, י. ל. פרץ,	3
משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען,	15
די מוסרים, ב. גארין,	3
דער משולח, י. ל. פרץ,	3
ניט קיין גלייכע פאָאַר, בן אביגדור,	3
נייער ראַבינער, ש. פרוג,	3
נעבאך, ב. גארין,	3
נעילה, י. ל פרץ,	3
די נשמה, י. ל. פרץ,	3
עגיפּטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	15
ערקעלטונג און קאַטאַר, א. טאנענבוים,	3
אַנ'עצה, שלום=עליכם,	3
פּאָעזיע, י. ל. פרץ	5
דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען,	5
אַ פעקעל בריעף, י. ל. פרץ,	5
פערעלע, שלום=עליכם,	3
פרעה'ס יורשים, י. ל. פרץ,	3
פונ'ם פריזיוו, שלום=עליכם,	3
פישעל דער מלמד, שלום=עליכם,	5
אַ פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאחנע, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם,	3
פריינקעל'ס שריפטען,	5
צו וואָס טויג טהעאַטער, ב. פייגענבוים,	3
צוויי קברים, ש. ראַבינאָוויץ,	3
צוויי פעסלאך ווין, מ. ספעקטאָר,	3
דער קאר קאָנדוקטאָר, ד. עדעלשטאט,	3
קליינע מעשה'לעך, י. ל. פרץ,	3
די רומענישע אידען אין אַמעריקא, ד. מ. הערמאלין,	3
רייזע בילדער, י. ל. פרץ,	10
דאָס שטריימעל י. ל. פרץ,	3
שלוב=פיווישקע, מ. ספעקטאָר,	3
שמשן שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן,	3
שמעריל'ס שמחה, מ. ספעקטאָר,	3
שרה פעסי, מ. ספעקטאָר,	3
שרה'לע, מ. ספעקטאָר,	3

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

היברו פּאבלישינג קאמפּאני,

83-85-87 קאנאל סטריט, נו־יאָרק.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אונד צייטונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראַ־מאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאַפטע קריטיק איבער דעם אי־דישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאַנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג אַליין איבערשטייגט אַללעס וואס ער האָט פאָרהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע“ אונד „פישקע דער קרומער“ עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לע־זען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street New York.

300 פיידזשעס

וועלט בעריהמטע

אפעראס

300 פיידזשעס

בעשריעבען און ערקלעהרט אין פליין אידיש

— פון —

ווילליאם עדלין.

דעם אינהאלט פון דעם דראמאטישען סוזשעט און דער כאראקטער פון דער מוזיק פון דיא בעסטע 25 איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשע אפעראס. סיי דער וואס געהט אין אפערא און סיי דער וואס האט ליעב לעזען וועגען דיא פראכטפאלע סוזשעטען פון דיא גרעסטע אפעראס קען אין דיעזען בוך געפינען פיעלעס וואס פערשאפט דעם העכסטען עסטהעטישען פערגעניגען.

קויפט דעם בוך איבער דיא שעהנסטע קונסט.

און זעהט וואס פאר א וועלט פון גענוס עס איז דא פאר אלע מענשען פון אלע קלאסען. דער בוך דארף זיך געפינען ביי יעדען וואס האט ליעב צו לעזען די בעסטע ראמאנען, דראמאס און פאעזיע.

„מאצארט“
„בעטהאווען“
„וואגנער“
„ווערדי“
„מייערבעער“
„האלעווי“
„גונא“
„גאלדמארק“
„ראסיני“
„בעליני“
„דאניצעטי“
„פוטשיני“
„מאסקאני“
„לעאנקאוואלא“
„מאסענע“
„שטראוס“
„ביזע“
„דאן זשואן“
„פידעליא“
„טאנהייזער“
„לאהענגרין“
„פארסיפאל“

„טריסטאן און איזאלדע“
„אאידא“
„ריגאלעטא“
„טרובאדור“
„טראוויאטא“
„הוגענאטען“
„פראפעט“
„דיא יודין“
„פאוסט“
„מלכה שבא“
„בארבער פון סעוויל“
„פיוריטאני“
„לוציא“
„לא באהעם“
„מאדעם באטערפליי“
„קאוואלעריא“
„פאליאטשי“
„נאווארעזו“
„סאלאמע“
„קארמען“

פרייז 35 סענט בראשירט און 50 סענט געבונדען

Hebrew Publishing Co.,

85 Canal Street, New York, City.

— דער —

אידיש אמעריקאנער רעדנער

א ריעזען ווערק אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריבען אין די שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון די גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, ווי אויך פון דיא בעריהמטע אידישע שריפטשטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט א גרויסע הקדמה איבער די קונסט פון האלטען א רעדע וויא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצוה, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכציימען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הגדר א. ז. וו.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאדזשעס, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רעדעס פיר יוניאנס און העבסט בעלעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, וויא אויך א בוקעט הומאריסטישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז רעדאקטירט פון פראפעסאר ג. זעליקאוויץ, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגענהייט.

ענגלישע רעדעס.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער האט אויך א ביילאגע פון פערשיעדענע ענגלישע רעדעס, פיר אמעריקאנאזירטע אידען וועלכע קענען שוין רעדען אין דער לאנד'ס שפראכע, דיעזע ענגלישע רעדעס זיינען גענומען פון די בעסטע און גרעסטע אמעריקאנער רעדנער ביכער און בעארבייטעט נאכ'ן אידישען געשמאק.

בר־מצוה רעדעס.

א בעזונדער טהייל פון דעם **אידיש אמעריקאנער רעדנער,** איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון זייא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליציסטען און פעדאגאגען. די בר מצוה רעדעס זיינען אין 3 פערשיעדענע שפראכען אין אידיש ענגליש און העבראיש.

פרייז פיר דעם אמעריקאנער רעדנער מיט דיא בר מצוה רעדעס	150
פרייז פיר די בר־מצוה רעדעס אליין, פאפיער באנד 35, קלאטה באנד,	50

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער,

היברו פאבלישינג קאמפאני.

82־85־87 קאנאל סטריט, נויארק.

דרייא נייע ביכער

יעצט עבען ערשיענען!

קין׳ס צואה.

פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט, אונד צייגט וויא וויים דער מענש איז בלוט־דורשטיג אונד אז ער שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעם טהיער. אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאַפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאנטע זאכען.

פרייז, 15 סענט.—פאָרטאָ פרייא.

ניקאָלאַי דער ערשטער.

פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראָמאַן פון דעם פערגאנגענעם אונד געגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פארבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאַנען אין צאַרענלאַנד.

פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.

פ אַ ו ס ט.

פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט־בעריהמטע דראמא אונד א וועלט־בעריהמטע אָפּערא איז בעאַרבייטעט אין איין ערצעהלונג פאָרמע פון

א. ט אַ נ ע נ ב ו י ם.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאַנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאָך קיין מאָל געזעהען אויפשפיעלענדיג דיעזע וועלט־בעריהמטע דראמא אין איין טהעאַטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס בייא זיך אין הויז.

פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.

נייע ביכער יעצט ערשיענען

דער

סיטיזען

נאכ'ן נייעם געזעץ

פון אלעקסאנדער הארקאווי.

אלע נייע געזעצע וועלכע זיינען אריין אין קראפט דעם 27טען סעפטעמבער 1906 מיט די פארמען פון די אפליקיישיאנס וואס עס דארף געמאכט ווערען אום צו ווערען אבירגער אין די יונייטעד סטייטס.

פרייז 5 סענט.

זעלמעלע א ראמאן פון קליינשטעדטעלדיגען לעבען אין רוסלאנד. פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 25 סענט.

יאסעל'ע איין ערצעהלונג פון ישיבה בחור'שען לעבען אין דער ליטא פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 15 סענט.

ישראליק דער משוגענער א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען אויף יודען אין רוסלאנד, פרייז . . . 10 סענט.

שרעקליכע געהיימניסע א ראמאן וואס איז פול מיט מערקווירדיגע און איבער'אשענדע פאסירונגען אונד איז זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד פון שמ"ר פרייז . . . . 15 סענט.

דער פעדלער א ראמאן פון פעדלערשען לעבען אין אמעריקא פון שמ"ר, פרייז . . . . 15 סענט.

אין שטראם פון רעוואלוציאן א שילדערונג פון דער געגענווערטיגע רעוואלוציאנערע צייט אין רוסלאנד פון מרדכי דאנציס, פרייז 5 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהאנדלונגען, און בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.